STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00151

DER RAMBAM

Yudel Mark

Permanent preservation of this book was made possible by
Gersten Sadowsky
in memory of
Max Sadowsky, his father, a serious student of Jewish learning & philosphy

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יודל מארק

דער רמב״ם

אַרויסגעגעבן פון
פאַרלאַג „אַרבעטער־רינג״
ביי דעם
בילדונגס־קאָמיטעט פֿון אַרבעטער־רינג
ניו־יאָרק, נ. י.

קינדער־רינג־ביבליאָטעק

סעריע: היסטאָרישע געשטאַלטן

דער רמב״ם

פון

יודל מאַרק

פאַרטײַטשונגען פון שווערערע ווערטער
צום סוף פון ביכל

Copyright, 1947
by Farlag "Arbeter Ring"
of the Educational Department
of the Workmen's Circle
New York, N. Y.

Printed in the U.S.A.
166



אַ. — דעם דיינס זון

לענג-אויס פֿון טײַך האָט זיך געצויגן די שענסטע גאַס פֿון דער שיינער שטאָט קאָרדאָוואַ. די הײַזער זײַנען געווען פֿון ווײַסן מירמלשטיין און אַרום די הײַזער זײַנען געווען גרויסע סעדער. אין איינעם פֿון אָט די הײַזער האָט געלעבט דער דיין פֿון די קאָרדאָווער ייִדן ר׳ מיימון. ער איז געווען אַ געלערנטער און רײַכער מאַן.

אַן ערך 800 יאָר איידער איר זײַט געבוירן געוואָרן איז בײַ ר׳ מיימונען אין הויז געווען זייער אַ גרויסע שׂמחה. עס איז געווען ערבֿ פּסח, אין מיטן אַ העלן טאָג פֿון דעם שיינעם פֿרילינג אין אַנדאַלוזיע. עס איז געבוירן געוואָרן אַ זון, דער עלטסטער זון. און דאָס שיינע, רײַכע הויז פֿון דעם ערלעכן סוחר און דעם קלוגן ריכטער ר׳ מיימון האָט נאָך מער אויפֿגעשײַנט.

מען האָט דעם ייִנגל אַ נאָמען געגעבן משה. דער ייִנגל איז געוואַקסן זייער אַ געראָטענער. ער האָט געהאַט צוויי זייער גוטע לערערס: דער פֿאָטער האָט אים געלערנט תּורה און די מוטער — אַראַביש און אַנדערע לימודים. דער ייִנגל האָט געהאַט אַ טײַערן קאָפּ און ער האָט געשלונגען די תּורה וואָס דער פֿאָטער האָט אים געלערנט און געדענקט אַלץ וואָס די מוטער האָט אים געוויזן. מען האָט אים ניט געקענט אַוועקרײַסן פֿון זײַנע ספֿרים.

ווען ער איז נאָך ניט געווען קיין צען יאָר אַלט, האָט שוין

גאַנץ קאָרדאָווע געוואוסט אַז דעם דיינס יינגל וועט ווערן אַ גרוי־
סער מאַן בײַ ייִדן.

— „וואָס איז דער וואונדער?״ — פּלעגט איין קאָרדאָוועּר
ייִד זאָגן דעם צווייטן — „ער האָט אין וועמען געראָטן צו זײַן.״

— „אוודאי, זײַן פאָטער איז אַ גרויסער געלערנטער און אַן
איידעלער מענטש, און דער זיידע ר׳ יוסף איז דאָך אויך געווען
אונדזער דיין אַזוי פיל יאָר.״

— „און אַז ער וועט אויסוואַקסן, וועט ער ווי זײַן פאָטער
און ווי זײַן זיידע אויך זײַן דער פירער פון אונדזערע קאָרדאָוועּר
ייִדן, אונדזער דיין.״

— „אויב קאָרדאָווע וועט האָבן דאָס גליק. איר ווייסט פון
וואַנעט עס שטאַמט די משפחה פון אונדזער דיין? פון רבי
יהודה הנשׂיא, דעם גרויסן תּנא וואָס האָט צונויפגעשטעלט
די משנה!״

— „אַלע ווייסן אַז זיי שטאַמען פון דוד המלך און עס פּאַסט
זיך פאַר זיי צו זײַן פירערס בײַ ייִדן.״

אַזוי האָבן קאָרדאָוועּר ייִדן געשמועסט צווישן זיך.

און ווען דעם דיינס זון איז געווען דרײַצן יאָר אַלט, האָט
ער שוין געלערנט מעדיצין און פילאָסאָפיע, אַסטראָנאָמיע און
מאַטעמאַטיק, און ער האָט זייער גוט געקענט תּלמוד. מען האָט
זיך נים געקענט אָפּוואונדערן: „אַזאַ טײַערער קאָפּ! אַזאַ קאָפּ!״

משה איז געווען אַ דאַרער און אַ שטילער. די מוטער האָט
נים געוואָלט אַז ער זאָל גאַנצע טעג ביז שפּעט אין דער נאַכט
זיצן איבער ביכער, האָט זי אים געוואָלט לערנען מוזיק. אָבער
משה האָט געזאָגט:

— „עס איז אַ שאָד די צײַט, מוטער. איך דאַרף לערנען און
לערנען.״

— „דו קענסט דאָך שוין אַ סך,״ — האָט די מוטער אים
געזאָגט — „און אַ מענטש דאַרף זיך אויך פאַרווײַלן.״

— „דאָס בעסטע פאַרווײַלן זיך איז לערנען און די גרעסטע
פרייד אין לעבן איז קענען,״ — האָט דער ייִנגל שטיל געענטפערט.

ב. — דיווילדע אַלמאָהאַדן

אויף דער רואיקער שטאָט קאָרדאָווע, וואו ייִדן, קריסטן און מוחמדאַנער האָבן געלעבט בשלום, האָט זיך אָנגע־רוקט אַ גרויס אומגליק. פֿון צפֿון־אַפֿריקע זײַנען קיין שפּאַניע געקומען די ווילדע אַלמאָהאַדן. זיי האָבן אײַנגענומען אַ טייל שפּאַניע. אומעטום וואו זיי זײַנען געקומען, האָבן זיי אויסגערופֿן: „אָדער מוחמד אָדער טויט!״

זיי האָבן ניט געלאָזט ייִדן און קריסטן לעבן אין די שטעט וואָס זיי האָבן אײַנגענומען מיט דער שווערד. מען איז געלאָפֿן פֿון זיי ווי מען לויפֿט פֿון פֿײַער. און די וואָס האָבן ניט געקענט אַנטלויפֿן האָבן געמוזט אָנטאָן אויפֿן קאָפּ אַ טורבאַן און צוזאָגן אַז זיי וועלן ווערן געטרײַע אָנהענגערס פֿון מוחמדס גלויבן.

ר׳ מיימון האָט געוואוסט וועגן דער סכּנה וואָס רוקט זיך אויף די ייִדן פֿון קאָרדאָווע. ער האָט אַלעמען געהאָלפֿן אַנטלויפֿן. אַליין מיט דער משפּחה איז ער געבליבן פֿון די לעצטע. ער מיט דער ווײַב מיט די צוויי זין זײַנען אַוועק, ווען די ווילדע אַלמאָ־האַדן האָבן שוין געשטורעמט די שטאָט. מען האָט געמוזט איבער־

די ווילדע אַלמאָהאַדן

לאָזן אַלץ וואָס מען האָט פֿאַרמאָגט. מען האָט נאָר געקענט מיטנעמען מיט זיך די טײַערע שטיינער און די נייטיקסטע זאַכן אין וועג. משה האָט געקלאָגט ניט איבער דעם הויז און דעם שיינעם סאַד, ניט איבער אַלע פֿײַנע און גוטע זאַכן, וואָס ער איז געווען צוגעוואוינט צו זיי. אים האָט אָבער זייער שטאַרק וויי געטאָן, וואָס ער קען ניט מיטנעמען מיט זיך די אַלע גרויסע ספֿרים וואָס זײַנען געווען זײַנע ליבע פֿרײַנד.

עס איז אַוועק די גליקלעכע צײַט אין משהס לעבן. די אַלמאָ־האַדן האָבן אײַנגענומען שטאָט נאָך שטאָט און ר׳ מײמונס משפּחה האָט געהאַלטן אין איין לויפֿן. משה האָט צוגעקראָגן אַ שוועסטערל, די מוטער איז געווען קראַנק, און די פֿאַמיליע האָט ניט געהאַט קיין היים און קיין רו. ערשט ווען מען איז געקומען אין דער האַפֿן־שטאָט אַלמעריע, האָט מען געקענט אויפֿהערן צו וואַנדערן.

די פֿאַמיליע האָט געלעבט פֿון דעם וואָס מען האָט בײַ־לעכווײַז אויספֿאַרקויפֿט די טײַערע שטיינער וואָס מען האָט געהאַט פֿון די אַמאָליקע רײַכע און רואיקע יאָרן. דער פֿאָטער האָט אויך געהיילט קראַנקע, אָבער ער האָט זיך ניט געהאַלטן פֿאַר קיין דאָקטער און ניט געוואָלט נעמען געלט פֿאַר היילן. אין דער פֿרײַער צײַט האָט ער ווײַטער געלערנט מיט זײַן עלטערן זון, און דער עלטערער, משה, האָט געלערנט מיטן יִינגערן ברו־דער, מיט דודן.

אויף זײַנע וואַנדערונגען האָט משה זיך באַגעגנט מיט אַ סך געלערנטע לײַט. ער האָט געזען אַז אויך זיי גלייבן אין פֿאַר־שיידענע אײַנריידעניש. ער האָט געזען ווי מען פּלאָנטערט זיך, ווען מען וויל וויסן ווי עס איז דער דין. און ער האָט בײַ זיך באַשלאָסן:

איך וועל אויפֿקלערן מענטשן אַז מען דאַרף זיך לאָזן פֿירן נאָר פֿון שׂכל! איך וועל אָנשרײַבן אַ ספֿר מיט אַלע דינים פֿון דעם יִדישן פֿאָלק — און אַלע יִדן וועלן קלאָר וויסן, וואָס מען האָט צו טאָן!

ג. — אין דער שטאָט פֿעץ

עס זײַנען אַוועק אַ פּאָר יאָר. עס איז געוואָרן געפֿערלעך צו לעבן אין אַלמעריע און די גאַנצע משפּחה האָט זיך איבערגעקליבן קיין צפֿון־אַפֿריקע, אין דער שטאָט פֿעץ. מען האָט געוואוסט אַז מען קומט צום לייב אין דער נאָרע אַרײַן. די אַלמאָהאַדן האָבן דאָרטן געהערשט און יידן זײַנען געווען אין גרויס סכּנה. אָבער עס איז מער קיין אַנדער אויסוועג ניט געווען. מען האָט אָנגעטאָן אויף די קעפּ טורבאַנען און מען האָט געזאָגט אַז מען איז מוחמדאַנער. אין דער אמתן איז מען געבליבן געטרײַע יידן און אָפּגעהיט אַלע יידישע דינים.

ר׳ מיימון האָט געטרייסט די יידן און האָט צוגעגעבן מוט, אַז מען זאָל זיך האַלטן בײַם גלויבן פֿון די עלטערן. ער האָט אָפּט געגעדט צו די יידן ווי הייליק עס איז דער יידישער גלויבן:

„מיר זײַנען אַזוי ווי די וואָס טרינקען זיך אין ים. און אַט דערזעען מיר אַ שטריק. ווער וועט זיך ניט אָנכאַפּן אָן איר? מען האָט אונדז געוואָרפֿן אַ שטריק פֿון הימל — אונדזער גלויבן. ווען מיר וועלן זיך פֿעסט האַלטן פֿאַרן שטריק, קענען מיר געראַטעוועט ווערן. אָבער ווען מיר זאָלן אַרויסלאָזן פֿון האַנט די לעצטע מעגלעכקייט צו בלײַבן לעבן, וועלן מיר אַוודאי אומקומען.״

און יידן האָבן זיך צוגעהערט צו ר׳ מיימונס רייד און האָבן ווײַטער געלעבט ווי יידן, הגם די סכּנה איז געווען זייער גרויס אַז מען וועט זיי כאַפּן און טייטן דערפֿאַר. איז מען שטענדיק געווען אין שרעק.

יידן האָבן זיך שלעכט געפֿילט, ווען מען מוז זיך פֿאַרשטעלן פֿאַר מוחמדאַנער. מען האָט געקענט הערן שטימען:

— „לאָמיר אָפּן זײַן וואָס מיר זײַנען און לאָמיר בעסער אומקומען איידער לעבן פֿאַרשטעלט!״

ר׳ מיימון און זײַן זון ר׳ משה — אַלע האָבן אים אין פֿעץ שוין גערופֿן ר׳ משה — האָבן געזאָגט אַז מען זאָל עס ניט טאָן. אַ ייד פֿון פֿעץ האָט אָבער זיך נאָכגעפֿרעגט בײַ אַ רבֿ פֿון דער

פֿרעמד און יענער האָט געענטפֿערט מיט זייער אַ שטרענגן און לאַנגן בריוו. יענער האָט געזאָגט:

— „אַז מען פֿאַרשטעלט זיך פֿאַר אַ מוחמדאַנער איז מען אַזוי ווי אַ געצן־דינער אַליין, ווײַל די מוחמדאַנער זײַנען אמתע געצן־דינערס. זיי בוקן זיך צום שטיין קאַאַבאַ וואָס איז אין דעם טעמפּל פֿון מעקאַ. אַ ייִד וואָס איז ניט אָפֿן אַ ייִד האָט סײַ ווי ניט קיין מצוות, ער טוט סײַ ווי ניט קיין גוטס און איז אַזוי ווי אַ געשמדטער."

ד. — „דער בריוו וועגן שמד"

דער שטרענגער ענטפֿער איז געווען ווי אַ קלאַפּ איבערן קאָפּ. די ייִדן אין פֿעץ האָבן גענומען זאָגן:

— „צו וואָס זאָלן מיר לעבן ווי ייִדן, אַז די אייגענע ברידער אונדזערע קערן זיך אָפּ פֿון אונדז און האַלטן אונדז ווי געשמדטע? לאָמיר ווערן אין גאַנצן מוחמדאַנער און מיר וועלן כאָטש זײַן זיכער מיטן לעבן."

און עס זײַנען געווען אויך אַזעלכע וואָס האָבן גערופֿן:

— „לאָמיר אַראָפּרײַסן פֿון די קעפּ די טורבאַנען און לאָמיר אומקומען אויף קידוש השם!"

ר׳ משה איז געווען אין גאַנצן 25 יאָר אַלט. ער האָט שוין אָנגעשריבן אַ פּאָר ביכער — איין בוך וועגן דעם ייִדישן לוח, אַ צווייט בוך וועגן לאָגיק — אָבער ער איז ניט געווען באַרימט. מען האָט וועגן אים געוואוסט נאָר צווישן די געלערנטע און מען האָט אים באַוואונדערט. „אַזוי יונג און אַזוי געלערנט!" — האָט מען געזאָגט. אָבער קיינער האָט אים נאָך ניט באַטראַכט ווי אַ פֿירער פֿון ייִדן. און ער איז דערצו נאָך געווען אַ פֿרעמדער אין פֿעץ.

האָט דער יונגער ר׳ משה געקלערט: צי זאָל ער שרײַבן אַן ענטפֿער? ווער איז ער אַז ער זאָל זאָגן זײַן וואָרט אין אַזאַ וויכטיקער פֿראַגע, אין אַ פֿראַגע פֿון לעבן און טויט? אָבער

שווייגן האָט ער ניט געקאָנט! דער שטרענגער רבֿ פֿון דער פֿרעמד ווייס דאָך ניט וואָס דאָס הייסט לעבן טאָג־איין טאָג־אויס אין אַזאַ ביטערער סכּנה. ער פֿאַרשטייט דאָך ניט, ווי שווער עס קומט אָן צו זיין אַ ייִד אין געהיים.

האָט ער באַשלאָסן — ער וועט ניט שווייגן! ער וועט אַרויס־טרעטן מיט ווערטער פֿון טרייסט, מיט ווערטער וואָס זאָלן צוגעבן מוט. ער דאַרף זען אַז די ייִדן אין פֿעץ און אין אַלע אַנדערע ערטער אונטער די פֿאַנאַטישע אַלמאָהאַדן זאָלן בלייבן ייִדן! האָט ר׳ משה אָנגעשריבן אַ לאַנגן בריוו, אָדער אַ קליין ביכל, וואָס מען רופֿט עס געוויינטלעך „דער בריוו וועגן שמד״.

וואָס זאָגט ער דאָרטן? פֿריִער פֿון אַלץ דאַרף מען זיין רואיק, מען טאָר ניט פֿאַרלירן דעם קאָפּ. מען מוז טאַקע זיין גרייט אויף קידוש השם, אָבער נאָר ווען מען וויל צווינגען ייִדן איבערטרעטן די דריי הויפּט־געבאָטן. און וואָס זיינען די דריי הויפּט־געבאָטן? ניט צו דינען געצן, ניט צו פֿירן קיין אומריין לעבן, ניט צו דערהרגענען אַ מענטשן! דאָס לעבן איז ביי יעדערן זייער טייער, אָבער עס איז ניט דאָס טייערסטע. מען טאָר ניט דערהרגענען אַ צווייטן אַליין צו בלייבן לעבן; מען טאָר זיך ניט בוקן צו געצן, כּדי צו בלייבן לעבן; מען טאָר ניט פֿירן אַן אומריין לעבן, כּדי זיך צו ראַטעווען. אָבער מען זאָל ניט אויפֿ־געבן דאָס לעבן נאָר איבער שטאָלץ, נאָר איבער דעם וואָס עס איז ניט גרינג אין געהיים צו זיין אַ ייִד.

וואָס זשע זאָל מען טאָן? מען דאַרף פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד, ווען מען קען נאָר. און אויב מען מוז דערווייל לעבן אין פֿעץ, אָדער אין אַנדערע ערטער אונטער דער הערשאַפֿט פֿון די אַלמאָ־האַדן, דאַרף מען זאָגן אַז מען איז אַ מוחמדאַנער און זיך ראַטעווען פֿון טויט.

ה. — אין גרויס סכּנה

אַיידער ר׳ משה האָט פֿאַרשפּרייט דעם בריוו, האָט ער אים פֿאַרגעלייענט פֿאַרן פֿאָטער און פֿאַרן ייִנגערן ברודער. דער פֿאָטער האָט געזאָגט:

— „דו ביסט געדעכט, מײַן זון. מיר דאַרפֿן זיך פֿעסט האַלטן פֿאַרן שטריק פֿון ייִדישן גלויבן, מיר זאָלן קענען בלײַבן לעבן אויף דער וועלט. אָבער יעדער ייִד דאַרף היטן זײַן לעבן, ווײַל ער לעבט ניט פֿאַר זיך, ער לעבט פֿאַר דעם גאַנצן פֿאָלק, ער לעבט פֿאַר גאָט!"

זײַן ייִנגערער ברודער דוד איז צוגעגאַנגען צו אים, האָט אים אַרומגענומען און געזאָגט:

— „ביסט אַזוי קלוג, משה! און ביסט אין גאַנצן גערעכט! אָבער — דו באַהאַלט דעם בריוו וואָס דו האָסט אָנגעשריבן, זאָלן מענטשן זיך ניט דערוויסן וועגן אים!"

— „איך האָב דאָך דעם בריוו געשריבן ניט פֿאַר אײַך — איר דאַרפֿט דאָך ניט אַזאַ בריוו. איך האָב דאָך אים געשריבן פֿאַר אַלע ייִדן פֿון פֿעץ, פֿאַר אַלע ייִדן אונטער דער שווערד פֿון די פֿאַנאַטישע אַלמאַהאַדן!" — האָט זײַן עלטערער ברודער געענטפֿערט.

— „טאַקע ווײַל מיר לעבן צווישן פֿאַנאַטישע מענטשן, טאָרסטו אַזאַ בריוו ניט פֿאַרשפּרייטן. עס וועט ניט בלײַבן קיין סוד. מען וועט זיך דערוויסן, ווער עס האָט דעם בריוו געשריבן, וועט מען דיך משפּטן. און דו ווייסט דאָך ווי זיי משפּטן! דו ביסט אין גרויס סכּנה, ברודער מײַנער!" — אַזוי האָט דוד געוואָלט אָפּריידן זײַן ברודער, ער זאָל דעם בריוו ניט פֿאַרשפּרייטן.

— „איך מוז טאָן וואָס — מען מוז טאָן!" — איז ר' משה געבליבן פֿעסט בײַ זיך. און ער האָט געזען אַז זײַן בריוו זאָל דערגרייכן צו די ייִדן פֿון פֿעץ.

און די ייִדן האָבן געשעפּט טרייסט און פֿעסטקייט פֿון די קלוגע און רואיקע רייד. זיי האָבן דעם יונגן געלערנטן גענומען באַטראַכטן ווי זייער פֿירער, ווי זייער וועגווײַזער. און דער בריוו איז געוואָרן באַוואוסט אומעטום וואו ייִדן האָבן געלעבט אין געפֿאַר פֿון טויט. און זיי האָבן אַלע געזאָגט: בעסער לעבן פֿאַרשטעלט ווי ייִדן איידער אומקומען פֿון שווערד; בעסער לעבן פֿאַרשטעלט ווי ייִדן איידער אין גאַנצן ווי מוחמדאַנער!

אָבער די מאַכט אין פֿעץ האָט זיך דערוואוסט, ווער עס האָט דעם בריוו געשריבן. און מען האָט אַרעסטירט ר׳ משהן, דעם זון פֿון מיימון, און מען האָט אים געבראַכט פֿאַר אַ שטרענגן פֿאַנאַטישן ריכטער. ר׳ משה האָט ניט געלייקנט, אַז ער האָט דעם בריוו געשריבן. און דער ריכטער איז שוין געווען גרייט צו פֿאַר־משפּט ר׳ משהן, דעם זון פֿון מיימון, צום טויט.

אין דער לעצטער רגע איז אַרײַן צום ריכטער איינער פֿון די גרעסטע מוחמדאַנישע געלערנטע, דער פּאָעט איבן מאַ׳ישא. ער האָט זיך אײַנגעשטעלט פֿאַר זײַן יִידישן פֿרײַנד. ער האָט דערציילט ווי באַרימט עס איז דער יונגער יִיד, ווי אַלע אַראַבישע געלערנטע לײַט באַוואונדערן אים. ער האָט געזאָגט אַז מען וועט אין דער גאַנצער וועלט זײַן אויפֿגעבראַכט, אויב מען וועט אים טייטן. און ער האָט מיט זײַנע קלוגע רייד געראַטעוועט ר׳ משהן דאָס לעבן.

ו. — דער שטורעם אויפֿן ים

ר׳ משה איז ווידער געווען אויף דער פֿרײַ. עס איז אָבער געווען צו גרויס די סכנה צו בלײַבן אין פֿעץ. מען קען אים דאָך ווידער כאַפּן און משפּטן פֿון דאָס נײַ. און ניט אַלע מאָל קען מען דאָך איבעררײדן פֿאַנאַטיקערס. האָט די גאַנצע משפּחה באַשלאָסן צו אַנטלויפֿן.

די מוטער האָט שוין ניט געלעבט. זי איז געוואָרן קראַנק אין דער צײַט פֿון די שווערע וואַנדער־יאָרן און זי איז געשטאָרבן אַ קורצע צײַט נאָך דעם ווי מען איז געקומען קיין פֿעץ. האָט ר׳ משה גענומען זײַן אַלטן פֿאָטער ר׳ מיימון, זײַן ברודער דוד און דאָס קליינע שוועסטערל, און אין מיטן נאַכט האָבן זיי אַלע זיך אַרויסגעגנבֿעט פֿון שטאָט.

בײַם ברעג האָט שוין געוואַרט אַ שיפֿל. מען האָט זיך געלאָזט איבערן גרויסע מיטלענדישן ים. דער ווינט האָט אָנגעבלאָזן די זעגלען. דאָס שיפֿל האָט זיך געטראָגן קיין מזרח.

— „מיר האָבן זיך געראַטעוועט פֿון זייערע הענט!" — איז געווען גליקלעך דער גוטער דוד.

— „מיר פֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל, קיין ארץ־ישׂראל!" — האָט מיט פֿרייד געשריִען דאָס שוועסטערל.

— „און מיר וועלן דאָרטן קענען אָפּן זײַן ייִדן!" — האָט ר' משה צוגעגעבן.

אין אָנהייב איז אַלץ געווען גוט. אָבער אויפֿן זעקסטן טאָג איז געוואָרן אַ שרעקלעכער שטורעם אויפֿן ים. דער ווינט האָט צעריסן די זעגלען. די קליינע שיף האָט געהאַלטן בײַם אונטערגיין.

די כוואַליעס האָבן געוואָרפֿן די אומבאַהאָלפֿענע שיף. ר' מיימון האָט געהאַלטן פֿאַר דער האַנט זײַן טעכטערל און האָט מורא געהאַט: זײַן גאַנצע משפּחה וועט אומקומען!

ר' משה האָט געטרייסט דעם פֿאָטער:

— „געדענקסט, פֿאָטער, ווי דו האָסט שטענדיק גערעדט וועגן דעם שטריק פֿאַר די וואָס טרינקען זיך, וועגן דעם שטריק פֿון הימל, וועגן אונדזער גלויבן..."

— „לאָמיר זיך פֿעסט האַלטן פֿאַרן שטריק", — האָט ר' מיימון געזאָגט, — „לאָמיר אַלע בעטן גאָט, ער זאָל אונדז ראַטעווען און מיר זאָלן בשלום אָנקומען אין דעם לאַנד פֿון אונדזערע אָבֿות."



די משפּחה האָט תּפילה געטאָן צו גאָט. עס איז זיי געוואָרן גרינגער אויפֿן הארצן. ר׳ משה האָט געזאָגט:

— „אַוודאי וועלן מיר געראַטעוועט ווערן! היינט איז צען טעג אין דעם חודש אייר. אָט דעם טאָג וועל איך און מיינע קינדער וואָס איך וועל האָבן און מיינע אייניקלעך — מיר אַלע וועלן דעם טאָג אָפּהיטן ווי אַ דאַנקטאָג צו גאָט, וואָס האָט אונדז אַרויסגעראַטעוועט פֿון דעם שטורעם אויפֿן ים.״

און דער שטורעם איז טאַקע שטילער געוואָרן, און די שיף איז ניט אונטערגעגאַנגען. מען האָט פֿאַרריכט די זעגלען און מען איז ווייטער געפֿאָרן.

און ר׳ משה האָט היילים געהאַלטן זיין צוזאָג, און זיינע קינדער און קינדס-קינדער נאָך אים — דער צענטער טאָג אין חודש אייר איז פֿאַרבליבן אַ דאַנקטאָג צו גאָט אין רמבמס משפּחה.

יאָ, רמבם — דאָס איז דער געקירצטער נאָמען פֿון

רבנו — אונדזער לערער
משה
בן — דער זון (פֿון)
מיימון.

ז. — אין ארץ־ישׂראל

אַ גאַנצן חודש האָט געדויערט דאָס פֿאָרן מיט דער שיף פֿון פֿעץ ביז דער שטאָט עכּו אין ארץ־ישׂראל. מען איז אָנגעקומען אין דעם הייליקן לאַנד אַ פּאָר טעג פֿאַר שבֿועות. ווען ר׳ מיימון און זיינע קינדער זיינען אָנגעקומען, האָט עס אַרויסגערופֿן גרויס פֿאַרוואונדערונג: קיין ייִד איז דעמאָלט ניט געפֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל. עס איז דעמאָלט געווען זייער שווער פֿאַר ייִדן צו לעבן אין דעם לאַנד פֿון די אָבֿות — און דאָ קומט פּלוצעם אָן אַ גאַנצע משפּחה, און דערצו נאָך אַזאַ חשובֿע!

דער יונגער רבֿ פֿון עכּו האָט זיי זייער פֿריינדלעך באַגעגנט.

ר׳ מיימון און זײַנע קינדער זײַנען געווען די געסט פֿון דעם רבֿ. ר׳ משה און דער יונגער רבֿ פֿון עכּו זײַנען געוואָרן זייער גוטע פֿרײַנד.

ווי נאָר עס איז אַוועק דער יום־טובֿ שבֿועות, האָבן די נײַ אָנגעקומענע גלײַך געוואָלט פֿאָרן קיין ירושלים. אָבער אַלע ייִדן פֿון עכּו האָבן זיי אָפּגערעדט:

— „איצט קען מען ,נישט! דאָרטן איז די פֿעסטונג פֿון די קרייצפֿאָרערס, פֿון די קריסטן וואָס זײַנען פֿון דער ווײַט געקומען און געזאָגט אַז זיי באַפֿרײַען קריסטוסעס קבֿר, אָבער דערווײַל רויבן זיי דאָס לאַנד און הרגענען אויס ייִדן און מוחמדאַנער. מיר לעבן דאָ אין גרויס סכּנה, אָבער פֿאָרן קיין ירושלים איז נאָך געפֿערלעכער!״

מען האָט זיי אַלץ אָפּגעלייגט און אָפּגעלייגט דאָס פֿאָרן קיין ירושלים. עס איז שוין אַוועק דער גאַנצער זומער, עס זײַנען שוין פֿאַרבײַ די יום־טובֿים, עס איז שוין האַרבסט. עס ווערט אַלץ קלאָרער: מען וועט אין ארץ־ישׂראל ניט קענען פֿאַרבלײַבן, מען וועט מוזן פֿאַרלאָזן דאָס הייליקע לאַנד.

— „אָבער פֿריִער מוז איך זיך אויסוויינען בײַם כּותל מערבֿי!״

— האָט געזאָגט דער אַלטער ר׳ מיימון.

און די משפּחה האָט אײַנגעשטעלט דאָס לעבן און איז טאַקע געפֿאָרן קיין ירושלים. אַלע פֿיר זײַנען געשטאַנען מיט געבויגענע קעפּ בײַם כּותל מערבֿי, מען האָט זיך אויסגעוויינט בײַ דער טרערן־וואַנט, בײַ דער איינציקער שטיינערנער וואַנט וואָס איז איבערגעבליבן פֿון בית־המקדש.

— „און איצט דאַרפֿן מיר באַקוקן די אייבּיקע, די הייליקע שטאָט!״ — האָט פֿאָרגעלייגט ר׳ משה.

אָבער דוד האָט עס ניט דערלאָזן און ער האָט זיך געווענדט צום עלטערן ברודער:

— „דו האָסט דאָך אַליין געלערנט מיט מיר אַז בײַ גאָט אין די אויגן זײַנען ייִדן הייליקער ווי האָלץ און ווי שטיינער אַפֿילו פֿון זײַן שטאָט, פֿון זײַן הויז. דאַרפֿן מיר אונדזער לעבן האַלטן

טײַערער ווי דאָס באַקוקן די הייליקע שטאָט. מיר טאָרן זיך דאָ ניט אַרומדרייען."

מיט אַ שווערער האַרץ איז מען אַוועק פֿון ירושלים. די משפּחה איז געקומען קיין חבֿרון. דאָרטן האָט מען געפֿונען אַ קליין הײַפֿעלע צעשראָקענע ייִדן. ר׳ משה און זײַן אַלטער פֿאָטער האָבן תּפֿילה געטאָן בײַ דער מערת המכפּלה, דער הייל וואו עס זײַנען פֿאַראַן די קבֿרים פֿון די אָבֿות.

ח. — אין דעם לאַנד מצרים

נאָר נײַן חדשים לאַנג איז די משפּחה פֿון דעם קאָרדאָווער דיין געווען אין ארץ־ישׂראל. אַזוי ווי אַמאָל דער אַלטער פֿאָטער יעקבֿ מיט זײַן משפּחה, אַזוי האָט איצטער דער אַלטער ר׳ מיימון און זײַן פֿאַמיליע אַראָפּגעגנידערט קיין מצרים. דאָרטן איז געווען גוט. דאָס לאַנד איז געווען רואיק און זאַט. די הערשערס זײַנען ניט געווען שלעכט צו ייִדן. און ר׳ מיימון און זײַנע קינדער האָבן זיך באַזעצט אין פֿאָסטאַט, אין דער ייִדישער פֿאָרשטאָט פֿון קאַהיראָ.

ר׳ מיימון און זײַן זון דוד האָבן גענומען האַנדלען מיט טײַערע שטיינער. דעם עלטערן זון האָט מען ניט געלאָזט, ער זאָל האַנדלען. דער פֿאָטער און דער ברודער האָבן אים זייער ליב געהאַט און געוואוסט אַז ער קען אויפֿטאָן אַ סך מער, ווען ער וועט שרײַבן, ווען ער וועט פֿאַרענדיקן זײַן גרויס ווערק, וואָס ער האָט עס אָנגעהויבן נאָך מיט יאָרן צוריק. האָט ר׳ משה שטודירט און געשריבן זײַן ווערק, און דער פֿאָטער און דער ייִנגערער ברודער האָבן געשפּײַזט די משפּחה.

נאָר דער אַלטער ר׳ מיימון איז שוין געווען אויסגעמאַטערט פֿון זײַן שווערער וואַנדער־לעבן. אַזוי ווי דער אַלטער פֿאָטער יעקבֿ, איז ער אויך אין גיכן נאָכן קומען קיין מצרים דאָרטן געשטאָרבן. אַלע ייִדן האָבן היים באַוויינט דעם דיין פֿון קאָרדאָוואַ.

דוד האָט חתונה געהאַט און געהאַט אַ שיין טעכטערל. אויך

דער עלטערער ברודער האָט חתונה געהאַט. ער האָט ניט גע־וואָלט אַז דוד זאָל אַליין זײַן דער איינציקער פֿאַרזאָרגער פֿון אַלעמען. אָבער דוד האָט געזאָגט:

— „ברודער מײַנער, וואָס ווילסטו? מיר זײַנען דאָך שותּפֿים. נאָר איך האַנדל פֿאַר ביידן און דו לערנסט פֿאַר ביידן. אַזוי ווי עס איז געווען די שותּפֿות צווישן יעקבֿס צוויי זין, צווישן יששׂכר און זבֿולון. דו ביסט דער יששׂכר, דו האָרעוועסט פֿאַר דער תּורה, אַז עס זאָל אויף אייביק פֿאַרבלײַבן אין די הערצער און אויף די ליפּן פֿון די מענטשן דער נאָמען פֿון אונדזער פֿאָטער, מען זאָל דערמאָנען דעם זון פֿון מיימון — דיך, דײַנע אויפֿטוען. און איך בין דער זבֿולון, דער וואָס האַנדלט מיט אונדזערע שותּפֿישע שטיי־נער. דו אַרבעטסט אַ סך שווערער ווי איך."

און דער עלטערער ברודער האָט געזען אַז דעם ייִנגערן ווערט זייער ווי טאָן, אויב ער וועט ניט אײַנגיין עס זאָל ווײַטער זיך ציִען אַזאַ מין שותּפֿות. האָט ער שטודירט און דוד האָט געהאַנדלט.

דערווײַל האָט ר׳ משה געקריגן אַלץ אַ גרעסערן נאָמען ווי אַ געלערנטער. און ווען עס איז פֿאַרטיק געוואָרן זײַן ערשט גרויס ווערק האָבן שוין אַלע געזאָגט:

— „ר׳ מיימונס זון, רבנו משה בן מיימון — אָ, ער איז דער גרעסטער קענער פֿון תּלמוד!"

און עס איז גאָרניט אַזוי איינפֿאַך צו ווערן דער גרעסטער קענער פֿון תּלמוד. ווײַל דער תּלמוד איז ניט איין בוך, און אויך ניט עטלעכע ביכער. דער תּלמוד איז אַזוי ווי אַ מין גרויסע און רײַכע ענציקלאָפּעדיע פֿון דעם ייִדישן וויסן. זיבן הונדערט יאָר האָט געדויערט דאָס שאַפֿן דעם תּלמוד. און ביז רמבמען זײַנען אַוועק נאָך זיבן הונדערט יאָר ווען מען האָט געלעבט אַזוי ווי דער תּלמוד הייסט. מען האָט געהאַלטן אין איין לערנען דעם תּלמוד און מען האָט זיך פֿאַרטיפֿט אין אים. פֿאַרשטיין דעם תּלמוד בעסער ווי אַלע אַנדערע, בעסער ווי אַלע וואָס האָבן געלעבט אין זײַן צײַט און אויך ווי אַלע וואָס האָבן געלעבט פֿאַר אים — דערצו דאַרף מען זײַן גאָר אַ גרויסער גאון.

ט. — דער פירוש אויף משנה

דער תלמוד באַשטייט פֿון צוויי ניט גלײַכע טיילן: פֿון אַ קירצערן און אַן עלטערן טייל — מען רופֿט אים משנה — און פֿון אַ סך אַ לענגערן און אַ שפּעטערדיקן — וואָס מען רופֿט אים גמרא. די משנה באַשטייט פֿון קורצע שפּרוכן און קורצע פּאַראַגראַפֿן. ניט אַלע מאָל ווערט אין דער משנה אָנגעוויזן, ווער עס זאָגט אַרויס די מיינונג. ניט אַלע מאָל ווערט אָנגעגעבן דער מאָטיוו פֿאַר אַ מיינונג. די משנה איז געשריבן זייער קורץ. אין דער גמרא זײַנען פֿאַראַן אַ סך דעבאַטעס וועגן די זאַכן וואָס די משנה רעדט וועגן זיי. די גמרא איז אַזוי ווי אַ דערקלערונג און אַ פֿאַרטיפֿונג פֿון דער משנה.

דעם רמב״מס ערשט גרויס ווערק איז אַ פירוש אויף דער משנה. אַ פירוש איז אַ דערקלערונג. כּדי צו קענען דערקלערן די משנה דאַרף מען זייער גוט קענען די גאַנצע גמרא און האָבן אַ שאַרפֿן, אַ לאָגישן קאָפּ. דערצו איז נאָך דעם רמב״מס פירוש אויף דער משנה אַנדערש ווי עס איז געוויינטלעך אַ פירוש, אַ קאָמענטאַר. ער פֿאַרנעמט זיך ניט מיטן דערקלערן שווערע ווערטער אָדער אומקלאָרע שטעלן. דער רמב״ם דערקלערט די משנה טיפֿער: ער ווײַזט אָן פֿאַר וואָס די משנה נעמט אָן אַזאַ געזעץ און ניט קיין אַנדער געזעץ, פֿאַר וואָס דאָרטן איז פֿאַראַן די אָדער יענע מיינונג. ער ווײַזט אויף די לאָגיק פֿון דער גאַנצער משנה, די סיסטעם אירע, אירע צילן, אירע אידייען. ער קלערט אויף ווי אַזוי די תּנאים, די וואָס האָבן געשאַפֿן די משנה, האָבן געקוקט אויף דער וועלט און אויף דעם ייִדנס וועג אין לעבן.

אַזוי באַקומט זיך אַז דער פירוש אויף משנה איז אַ ווערק פֿון אַ פֿילאָסאָף. דער רמב״ם איז אַ ייִדישער פֿילאָסאָף וואָס ווײַזט אָן אויף די שיינע, די איידעלע, די הייליקע זאַכן, וואָס זײַנען פֿאַראַן אין די ייִדישע געזעצן און אין דעם לעבן נאָך אָט די געזעצן נאָך.

דער רמב״ם וויל אָפּרייניקן פֿאַרשיידענע גלייבונגען. אַנדערע שטעלן זיך פֿאָר אַז די צדיקים זיצן אין גן־עדן און עסן און טרינקען,

און אַז די רשעים ברענען אין אַ פֿײַער פֿון גיהנום. דערקלערט דער רמבם אַז אונדזערע חכמים האָבן ניט געמיינט — דאָס לעבן נאָכן טויט איז ענלעך צום לעבן אויף דער ערד. זיי האָבן נאָר גערעדט מיט משלים. און ער גיט עס אַליין צו פֿאַרשטיין מיט זייער אַ פֿיינעם משל:

ווען דער פֿאָטער פֿירט דאָס קליינע קינד זײַנס צום רבין, וויל דער פֿאָטער אַז דאָס קינד זאָל אָנהייבן לערנען מיט פֿרייד. וואַרפֿט ער אים אַ ניסל, אַ פֿײַג, אַן אַנדער זיסע זאַך פֿון אויבן און מען זאָגט דערבײַ דעם קינד: „אַ מלאך פֿון הימל האָט עס דיר געוואָרפֿן!" דאָס קינד גלייבט, האָט פֿרייד און הייבט מיט פֿרייד אָן זיך לערנען.

ווען דאָס קינד איז אַ ביסל עלטער, רעדט צו אים דער פֿאָטער שוין אַנדערע רייד: „לערן זיך גוט, וועל איך דיר קויפֿן נײַע שיך, נײַע קליידער!" און דאָס קינד לערנט זיך גוט, עס וויל קריגן די אַלע גוטע זאַכן. און דאָס קינד קען דערווײַל אַלץ מער און מער.

דאָס קינד איז שוין אַ גרעסערער יינגל. און דער יינגל טראַכט שוין אַליין פֿאַר זיך: אַז איך וועל לערנען, וועל איך קענען, וועל איך פֿאַרדינען געלט, וועט מיר זײַן בעסער אויף דער וועלט.

און עס זײַנען פֿאַראַן אויך דערוואַקסענע וואָס טראַכטן זיך: אַז איך וועל אַ סך לערנען, וועל איך ווערן אַ גרויסער געלערנטער, וועל איך האָבן אַ סך כּבֿוד בײַ לײַטן.

זאָלן זיך טראַכטן אָט ווי זיי טראַכטן — דאָס קינד און דער יינגל, און אַפֿילו דער דערוואַקסענער. אַזאַ טראַכטן העלפֿט זיי צום לערנען. אָבער אין דער אמתן לערנט מען נאָר צו וויסן, צו וויסן דעם אמת. אָבער ניט אַלע פֿאַרשטייען עס — רעדט מען צו זיי אַזוי אַז זיי זאָלן יאָ פֿאַרשטיין!

אין דעם זעלביקן ווערק האָט דער רמבם אויסגערעכנט 13 פּרינציפּן פֿון דעם יידישן גלויבן. אָט די פּרינציפּן רופֿט מען אני־מאמינס. זעקס אני־מאמינסריידן וועגן גלויבן אין גאָט, פֿיר וועגן דעם גלויבן אין דער תּורה און דרײַ וועגן באַלוינונג פֿאַר גוטס און וועגן משיחן.

י. — דער ברודער דוד

משה, דער עלטערער ברודער, האָט אָנגעשריבן אַ טײַער װערק; דוד, דער ייִנגערער ברודער, האָט געפֿירט דעם האַנדל מיט טײַערע שטײנער. בײדע ברידער איז גוט געגאַנגען.

אָבער װען מען האַנדלט מיט טײַערע שטײנער קען מען מיט אַ מאָל רײַך װערן און מען קען אױך מיט אַ מאָל אָרעם װערן. און דאָס מזל האָט זיך געגעבן אַ דרײ בײַ דעם ברודער דוד. ער האָט פּלוצעם אָנגעװאָרן אַ סך געלט און ער האָט זיך געפֿילט זײער אומגליקלעך. ער האָט ניט געקלערט װעגן זיך און ניט װעגן זײַן אײגענער משפּחה.

„װאָס װעט זײַן מיט מײַן גרויסן ברודער? װעט ער דאַרפֿן אָװעקװאַרפֿן זײַן שטודירן און זײַנע װערק און אַלײן זיך נעמען צום האַנדל אָדער צו אַ פּראָפֿעסיע? נײן, איך װעל עס ניט דערלאָזן!״ — אַזױ האָט ער זיך געטראַכט. און ער האָט באַשלאָסן: „אונדזער גאַנצע משפּחה דאַרף מיט אײן מאָל רײַך װערן!״

װאָס זשע האָט ער געטאָן דערצו? ער האָט באַשלאָסן צו גײן אױף אַ גרױסער ריזיקע. ער האָט אָנגעלײַען אַ סך געלט, געקױפֿט פֿאַרן גאַנצן געלט טײַערע שטײנער. די טײַערע שטײנער װעט ער אַװעקפֿירן קײן אינדיע, דאָרטן װעט ער קריגן אַ סך געלט פֿאַר זײ, פֿאַרן געלט װעט ער קױפֿן געװירצן װאָס מען קריגט נאָר אין אינדיע און זײ ברענגען קײן מצרים. ער װעט אױך פֿון אינדיע ברענגען טײַערע שטײנער װאָס מען זעט זײ ניט אין מצרים.

ר׳ משה האָט געװאָלט אָפּרײדן זײַן ייִנגערן ברודער פֿון דער װײַטער נסיעה.

— „די סכּנה פֿון דער נסיעה איז דאָך אַזױ גרױס!״ — האָט דער עלטערער ברודער געגעדט צום ייִנגערן, — „און דו האָסט אַ װײַב און אַ טעכטערל אַ קלײנס...״

— „און אַ טײַערן ברודער װאָס װעט קענען אױך װײַטער

לערנען תּורה און אָנשרייבּן נאָך גרעסערע ווערק, און פֿאַר זיי אַלעמען פֿאַר איך קיין אינדיע", — האָט דוד מיט אַ שמייכל איבער־געריסן די רייד פֿון זיין בּרודער.

— „אָבּער ווען מען האָט נאָענטע מענטשן טאָר מען ניט שטעלן אין געפֿאַר דאָס אייגענע לעבּן!" — האָט דער עלטערער בּרודער ווי אַ פֿאָטער גערעדט צום יינגערן.

— „דו געדענקסט, ווי איך האָבּ דיר אָנגעוויזן אויף דער סכּנה, ווען דו האָסט אָנגעשריבּן „דעם בּריוו וועגן שמד"? דו האָסט געענטפֿערט, אַז דו פֿילסט — דו מוזסט עס טאָן. איצט פֿיל איך, אַז איך מוז עס טאָן. און אַזוי ווי זבֿולון זאָגט ניט קיין דעה יששׂכרן וואָס ער זאָל לערנען, אַזוי זאָל יששׂכר ניט פֿאַר־ווערן זבֿולונען צו האַנדלען ווי ער וויל."

און דוד האָט זיך אָוועקגעלאָזט אין דער וויַיטער נסיעה. מיט טרערן אויף די אויגן און מיט אַ שווער האַרץ האָט אים אַרויס־בּאַגלייט זיין עלטערער בּרודער. ער האָט לאַנגע חדשים געוואַרט אויפֿן בּרודערס צוריקקומען. אָבּער דער בּרודער איז ניט געקומען פֿון דער נסיעה אַהיים. געקומען איז אַן אָנזאָג:

„עס האָט געטראָפֿן אַן אומגליק. די שיף איז אונטערגעגאַנגען אין מיטן אינדישן אָקעאַן."

דוד איז דערטרונקען געוואָרן. אין איינעם מיט אים איז אונטערגעגאַנגען אַלץ וואָס ר' מיימונס קינדער האָבּן פֿאַרמאָגט.

יא. — דער דאָקטער פֿון פֿאָסטאַט

ר' משה האָט זייער ליבּ געהאַט זיין איינציקן בּרודער. דעם בּרודערס טויט האָט אים געטראָפֿן ווי אַ דונער. ער איז שטענדיק געווען אַ שוואַכער און דאָס גרויסע אומגליק האָט אים אין גאַנצן קראַנק געמאַכט. ער איז אויף אַ געפֿערלע־כער קראַנקייט אָפּגעלעגן אין בּעט לאַנגע חדשים. זיין משפּחה

און די משפחה פֿון דעם דערטרונקענעם ברודער האָבן דערוויַיל געלעבט אין גרויס נויט.

דאָס איז געווען די שווערסטע צײַט אינעם לעבן פֿון ר׳ מיי־מונס זון. ער האָט אָנגעשטרענגט זײַן גאַנצן ווילן, ער האָט זיך געראַנגלט מיט דער קראַנקייט — און ער האָט געזיגט. ער איז ענדלעך אַראָפּ פֿון בעט און זיך געקענט נעמען צו אַן אַרבעט. אָבער צו וואָס זאָל ער זיך נעמען? ער אַליין, אין גאַנצן פֿאַר זיך, האָט קיין מאָל ניט פֿאַרדינט. קיין געלט צו פֿירן ווײַטער דעם האַנדל מיט טײַערע שטיינער איז ניטאָ. ער דאַרף איצט אויס־האַלטן דודס אַלמנה און זײַן קליין טעכטערל. ער דאַרף אויך אויסצאָלן אַלעמען דאָס געלט וואָס דוד האָט אָנגעליִען פֿאַרן פֿאָרן.

ער האָט שטודירט מעדיצין. אָבער ער האָט ניט געקלערט אַז ער וועט דערפֿון מאַכן אַ פּראָפֿעסיע פֿאַר זיך. זײַן פֿאָטער האָט אויך געהיילט קראַנקע, אָבער ער האָט קיין מאָל זיך ניט געלאָזט באַצאָלן פֿאַר דעם. אים איז אויך אויסגעקומען צו געבן עצות זײַנע קראַנקע פֿרײַנד, אָבער — לעבן פֿון דעם וואָס מען העלפֿט אַ קראַנקן מענטשן? עס איז אים געווען מאָדנע. ער האָט אָבער געמוזט שפּײַזן צוויי משפּחות און באַצאָלן חובֿות. איז ער געוואָרן אַ דאָקטער. און פֿון דעם האָט ער שוין געלעבט ביזן סוף פֿון זײַנע טעג.

די ערשטע יאָרן פֿון זײַן אַ דאָקטער זײַנען געווען שווערע, אָבער אין גיכן איז ר׳ משה באַרימט געוואָרן ווי אַ דאָקטער. עס האָבן אָנגעהויבן צו קומען צו אים מענטשן ניט נאָר פֿון פֿאָסטאַט, נאָר אויך פֿון קאַהיראָ; ניט נאָר פֿון קאַהיראָ, נאָר אויך פֿון ווײַטע שטעט; ניט נאָר ייִדן, נאָר אויך אַ סך אַראַבער. ער האָט אויך גענומען שרײַבן ווערק וועגן מעדיצין, און די ווערק האָבן נאָך מער באַרימט געמאַכט זײַן נאָמען ווי אַ דאָקטער. מען האָט שוין אָנגעהויבן זיך צו דערציילן וואונדער־מעשׂיות ווי אַזוי ער היילט אויס די שווערסטע קראַנקע.

איצט האָט ר׳ משה געהאַט פֿון וואָס צו לעבן. ער האָט אויך

געהאַט אַ סך אַנזען און כּבֿוד. דערפֿאַר אָבער איז אים געבליבן זייער ווייניק ציַיט צו שרײַבן ווערק. האָט ער איבער זײַנע ווערק געמוזט אַרבעטן ביז שפּעט אין דער נאַכט, נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט. די ווערק האָבן אויפֿגעגעסן זײַן געזונט. אָבער ער האָט געאַרבעט: כּמעט אַ גאַנצן טאָג אַרום קראַנקע, ביז שפּעט אין דער נאַכט איבער זײַנע ווערק.

יונגע מענטשן וואָס זוכן וויסן האָבן שטענדיק אים אַרומגערינגלט. זיי האָבן געשלונגען איטלעכס וואָרט זײַנס. זיי האָבן זיך בײַ אים געלערנט פֿילאָסאָפֿיע, מאַטעמאַטיק און אַנדערע וויסנשאַפֿטן. זיי האָבן אים שטענדיק געפֿרעגט שאלות אין לערנען. זיי האָבן זיך צוגעקוקט ווי אַזוי ער היילט קראַנקע. זיי האָבן זיך בײַ אים געלערנט, און זיי זײַנען אים געווען געטרײַ, און זיי האָבן גרויס געמאַכט זײַן נאָמען אין פֿאַרשיידענע לענדער, ווײַל פֿון ווײַטע לענדער איז מען געקומען צו ר' מיימונס זון.

איינער פֿון זײַנע תּלמידים, שלמה כּהן, איז אַוועקגעפֿאָרן קיין תּימן. דאָרטן האָט ער אַלעמען דערציילט וועגן זײַן גרויסן רבּין.

יב. — „דער בריוו קיין תּימן"

הונדערטער, הונדערטער יאָרן האָבן שוין ייִדן געלעבט אין תּימן, און גוט איז זיי דאָרטן כּמעט קיין מאָל ניט געווען. איצט אָבער האָט זיך אויף זיי אָנגערוקט אַ גרויסע צרה. דער אַראַבישער הערשער האָט געוואָלט, אַז זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן פֿון זייער גלויבן, אַניט וועט ער זיי פֿאַרטרײַבן פֿון זײַן לאַנד.

און דאָ איז אויפֿגעקומען צווישן זיי איינער וואָס רעדט אַזעלכע מאָדנע רייד: ער איז משיח, זאָגט ער; ער וועט די ייִדן באַפֿרײַען און זיי באַלד פֿירן קיין ארץ־ישׂראל; ער קען ווײַזן וואונדער, זאָגט ער. אַנדערע האָבן געגלייבט, אַז ער איז דאָס דער אמתער משיח, אַנדערע האָבן געטענהט אַז ער איז אַ פֿאַלשער, אַז ער איז קיין משיח ניט.

איז די נויט געווען גרויס און די צעטומלעניש נאָך גרעסער. צו וועמען זאָל מען זיך ווענדן?

איז איינעם פֿון די פּירערס פֿון די תּימנער ייִדן אײַנגעפֿאַלן: ער וועט זיך ווענדן צו ר׳ משהן, צו ר׳ מיימונס זון, וואָס זײַן תּלמיד האָט אַזוי פֿיל דערציילט וועגן אים. זאָל ער זיי געבן די ריכ־טיקע עצה!

און ר׳ משה האָט זיך אָפּגערופֿן מיט אַ לאַנגן בריוו, פֿול מיט קלוגע רייד און מיט האַרציקע טרייסטווערטער. אָט דער בריוו איז באַרימט געוואָרן און מען רופֿט אים — „דער בריוו קיין תּימן".

דער רמב״ם זאָגט די תּימנער ייִדן אַז זיי זאָלן זיך ניט צוהערן צו פֿאַלשע און נאַרישע רייד. עס זײַנען געווען אַמאָל פֿאַלשע נבֿיאים און איצט טרעפֿן זיך פֿאַלשע משיחים. דער וואָס זאָגט בײַ זיי אַז ער איז משיח — איז אַ פֿאַלשער מענטש. דער עכטער משיח קען ניט באַרימען זיך, קען ניט קומען ווי אַ קונצן־מאַכער אָדער ווי אַ כּישוף־מאַכער. ווען מען רעדט אין נאָמען פֿון שווערד זײַנען עס פֿאַלשע רייד. די אַלע וואָס האָבן זיך פֿאַרלאָזט אויפֿן כּוח פֿון שווערד זײַנען אומגעקומען. די וואָס האָבן געוואָלט אומברענגען ייִדן מיטן כּוח פֿון שווערד — זײַנען אַליין אומגעקומען.

און דער רמב״ם טרייסט: נבֿוכדנאצר און טיטוס האָבן אונדז, ייִדן, געוואָלט אומברענגען, אָבער מיר ייִדן לעבן נאָך און וועלן אויך ווײַטער בלײַבן, ניט געקוקט אויף אַלע צרות וואָס מיר האָבן.

און ווײַטער זאָגט ער: לאָמיר זיך ניט שרעקן וואָס מען האָט אונדז פֿײַנט, וואָס מען טוט אונדז שלעכטס. מען האָט אונדז פֿײַנט ניט ווײַל מיר זײַנען ערגער פֿון די אַנדערע, נאָר ווײַל מיר זײַנען בעסער. זינט מיר האָבן געקריגן די תּורה — האָט מען אונדז פֿײַנט, ווײַל מיר היטן די תּורה, ווײַל מיר לעבן מיט דער תּורה און אַדאַנק איר, ווײַל אין אונדז איז דעריבער פֿאַראַן אַ געט־לעכער פֿונקט.

און ער זאָגט אָן: ווערט ניט אַנדערש ווי איר זײַט! מוטיקט זיך און שטאַרקט זיך און האַלט אויס די שלעכטע צײַטן!

דער בריוו האָט אין זיך זייער אַ סך גלויבן אין דעם ייִדישן

פֿאָלק. ער איז געשריבן מיט װאַרעמקייט און ליבשאַפֿט צו די װאָס לײַדן. איז דער בריװ געװען אַ טרייסט און אַ שטאַרקונג פֿאַר די תּימנער ייִדן. זיי האָבן דעם בריװ געלייענט אין אַלע זייערע בתּי־מדרשים. דער נאָמען ר׳ משה בן מיימון איז געװאָרן בײַ זיי אַ הייליקער נאָמען. זיי האָבן אָט דעם טײַערן נאָמען אַפֿילו אַרײַנגעשטעלט אין דער תּפֿילה — קדיש. און אַזוי איז דער נאָמען פֿאַרבליבן אין זייער קדיש ביזן הײַנטיקן טאָג.

און נאָכן בריװ איז זיי גרינגער געװאָרן ניט נאָר אויפֿן האַרצן. דער פֿאַלשער משיח האָט זיך אײַנגערעדט אַז אַ שװערד קען אים ניט דערהרגענען. ער האָט אַליין געבעטן, מען זאָל פּרואװן אים אָפּהאַקן דעם קאָפּ מיט אַ שװערד — און ער װעט בלײַבן לעבן. נו, מען האָט אים די טובֿה געטאָן, און אַלע האָבן געזען אַז דאָס איז געװען אַ נאַרישער מענטש װאָס האָט זיך אײַנגערעדט אַז ער איז דאָס משיח!

דער אַראַבישער הערשער איז אויך געװאָרן בעסער צו די תּימנער ייִדן. דער רמב״ם האָט דאָס אויסגעפּועלט דורך דעם סולטאַן פֿון מצרים!

יג. — „אַ שטאַרקע האַנט"

אָבער גאָר גרויס איז דער רמב״ם געװאָרן אין די אויגן פֿון די ייִדן איבער דער גאַנצער װעלט, װען ער האָט פֿאַרענדיקט דאָס גרעסטע און װיכטיקסטע װערק זײַנס, אַ פֿול געזעצבוך פֿון דעם ייִדישן לעבן.

ייִדן האָבן געלעבט נאָך די געזעצן פֿון תּלמוד. אָבער דער תּלמוד גיט ניט אַלע מאָל אַ קלאָרן ענטפֿער, װי עס איז דער ייִדישער דין. ער גיט אָפֿט ניט מער װי אַ דעבאַטע װעגן אַ פֿראַגע. ער ברענגט שאַרפֿזיניקע מיינונגען, און — מען גייט נאָך דעם אַריבער צו אַן אַנדער דעבאַטע. דער תּלמוד איז ניט ענלעך אויף אַ געזעצבוך װאָס רעכנט אויס כּסדר אַלע מעגלעכע פֿאַלן װאָס

קענען פֿאַרקומען פֿאַר אַ ריכטער. דעריבער איז אָפֿט ניט גרינג און ניט פּשוט צו וויסן, ווי עס איז דער דין.

צו קענען וויסן דעם דין, האָט מען געדאַרפֿט שטודירן לאַנגע יאָרן. און ערשט נאָך דעם האָט מען געהאַט גרויסע ספֿקות — אפֿשר פֿאַרשטייט מען ניט ריכטיק דעם געדאַנק פֿון אַ דעבאַטע, אפֿשר דאַרף מען פּסקענען אַנדערש. מען האָט אָפֿט אויך גע־דאַרפֿט שיקן בריוו מיט שאלות אין ווײַטע לענדער, צו גרויסע רבנים, ווײַל עס זײַנען געווען אַ סך אומקלאָרע זאַכן וועגן יִדישן דין.

ווען ר׳ מיימונס זון איז נאָך געווען אַ ייִנגל, האָט ער שוין אויף זײַנע וואַנדערונגען געזען, ווי עס טרעפֿט זיך, אַז מען איז ניט זיכער אין אַ דין. ער האָט נאָך יעמאָלט געחלומט: איך וועל אָנשרײַבן אַ ספֿר מיט אַלע דינים פֿון ייִדישן פֿאָלק! און זײַן פּירוש אויף דער משנה איז נאָר געווען אַ שטאַפּל צו זײַן גרויס ווערק, דעם הויפּטווערק פֿון זײַן לעבן, דעם געזעצבוך פֿאַר ייִדן וואָס ער האָט צונויפֿגעשטעלט.

דער רמב״ם האָט געהאַט אַ וואונדערלעך לאָגישן קאָפּ און געקענט אין אַלץ אַרײַנברענגען אַ קלאָרע סיסטעם. דאָס געזעצ־בוך וואָס ער האָט צונויפֿגעשטעלט איז גוט און לאָגיש אײַנגע־טיילט נאָך פֿאַרשיידענע ענינים נאָך. דאָרטן איז גרינג צו געפֿינען וואָס מען זוכט, און אויף אַלץ קען מען קריגן אַ קלאָרן ענטפֿער. איצט האָט מען מער ניט געדאַרפֿט האָבן ספֿקות — מען האָט געקענט אַ קוק טאָן ווי אַזוי דער רמב״ם פּסקנט, און מען האָט דאָך אַוודאי געקאָנט זיך פֿאַרלאָזן אויף אים.

דאָס גרויסע ווערק האָט צוויי נעמען. עס הייסט „משנה תורה״. עס איז אַזוי ווי דער צווייטער טייל פֿון דער תורה. דער ערשטער טייל זײַנען די פֿינף חומשים, משה רבנוס תורה; און דער צווייטער טייל — דאָס איז דאָס געזעצבוך פֿון דעם רמב״ם וואָס האָט אין זיך אַלץ וואָס דער תלמוד האָט געלערנט די ייִדן. עס האָט זיך איצט באַקומען, אַז אויב מען לערנט פֿריִער דעם חומש און נאָך דעם די „משנה תורה״ — קען מען אַלע ייִדישע געזעצן און מען ווייס ווי זיך צו פֿירן ווי אַ ייִד.

דער צווייטער נאָמען איז „יד חזקה" — אַ שטאַרקע האַנט, ווײַל ווי אַ שטאַרקע האַנט האָט זי געפֿירט דעם ייִדן דורך אַלע זײַנע געזעצן. דאָס ווערק איז אײַנגעטיילט אין פֿערצן טיילן, און 14 איז יד (י איז דאָך 10 און ד איז 4).

אַלע אַנדערע ווערק האָט דער רמבם געשריבן אויף אַראַביש וואָס איז דעמאָלט געווען די הויפּטשפּראַך פֿון דער קולטור און די שפּראַך בײַ ייִדן אין די אַראַבישע לענדער. אָבער די „משנה תורה" האָט ער געשריבן אויף העברעאיש, אַזוי ווי עס איז די שפּראַך פֿון דער משנה. זײַן שפּראַך איז אַ קורצע און אַ קלאָרע. דער רמבם איז אין אָט דעם ווערק ניט נאָר אַ גרויסער געלערנטער, נאָר אויך זייער אַ פֿײַנער שרײַבער מיט אַ וואונדערלעכן העברעאישן סטיל.

יד. — דער קוש אין שטערן

אין זײַן „משנה תורה" נעמט דער רמבם אַרום דאָס גאַנצע לעבן פֿון דעם ייִדן: די באַציאונג צו גאָט און אַלע באַציאונגען צווישן מענטש און מענטש. עס איז באמת אַ פֿול געזעצבוך. און עס איז שווער צו גלייבן, און מען וואָלט ניט געגלייבט, אויב מען וואָלט ניט געוואוסט אויף זיכער — ווי אַזוי האָט דאָס איין מענטש געקאָנט שאַפֿן אַזאַ ווערק? געוויינטלעך אַרבעטן איבער אַ געזעצבוך גאַנצע גרופּעס מענטשן, עס געדויערט צענדליקער יאָרן דאָס צונויפֿנעמען אַלע געזעצן אין איינעם. און דאָ האָט איין מענטש, און דערצו נאָך אַ מענטש וואָס איז געווען פֿאַרנומען מיט אַ סך אַנדערע אַרבעטן, אַליין געשאַפֿן אַזאַ ריזן-ווערק!

זײַן דור איז געבליבן פֿאַרוואונדערט. איצט האָט מען ר' מיימונס זון באַטראַכט ניט נאָר ווי דעם גרעסטן פֿון זײַן צײַט. איצט האָט מען שוין אָנגעהויבן זאָגן:

„פֿון משה רבנו ביז משה בן מיימון איז ניט אויפֿגעשטאַנען קיינער וואָס זאָל זײַן אַזוי ווי משה!"

און מען האָט זיך דערציילט:

ווען דער רמב״ם האָט פֿאַרענדיקט זײַן „יד חזקה“, ווען ער האָט אָנגעשריבן די לעצטע עטלעכע ווערטער, איז די פֿען אַרויס־געפֿאַלן פֿון זײַנע מידע הענט און דער מידער קאָפּ איז געפֿאַלן אויפֿן טיש. ער איז אײַנגעשלאָפֿן און אין שלאָף האָט זיך אים געחלומט:

עס שטייט פֿאַר אים זײַן פֿאַרשטאָרבענער פֿאָטער און בײַ דער זײַט — אַ געשטאַלט אַ וואונדערלעכע, אַ ליכטיקע, מיט אַ שטראַליק פּנים. דער רמב״ם דערשרעקט זיך און וויל אויפֿשפּרינגען. באַרויקט אים דער פֿאָטער: „שרעק זיך נישט, זון מײַנער. דאָס איז משה רבנו“. און די וואונדערלעכע געשטאַלט מיט דעם שטראַליקן פּנים האָט זיך אײַנגעבויגן, האָט אים אַ קוש געטאָן אין שטערן און געזאָגט: „אַ דאַנק דיר פֿאַר דײַן ספֿר!“

אַזוי האָט דאָס ייִדישע פֿאָלק אויסגעדריקט דעם דאַנק פֿאַרן געזעצבוך פֿון ייִדישן לעבן. פֿון ווײַטע לענדער האָט מען געשיקט מענטשן זיי זאָלן אָפּשרײַבן דעם ספֿר — קיין דרוק איז דאָך נאָך יעמאָלט ניט געווען. און אין איין צענדליק יאָרן איז דער ספֿר געוואָרן פֿאַרשפּרייט אומעטום וואו עס האָבן געלעבט ייִדן.

און דורות זײַנען אַוועק. מען האָט נאָכגעמאַכט דעם רמב״ם, מען האָט צונויפֿגעשטעלט אַזוי ווי ער געזעצביכער — אָבער מען האָט גענומען דעם מוסטער פֿון אים. ער איז געבליבן דער גרוי־סער, דער וויכטיקסטער אויטאָריטעט פֿון ייִדישן דין. איבער צוויי הונדערט פּירושים האָט מען שוין אָנגעשריבן אויף זײַן „משנה תורה“. ווען מען פֿאַרטיפֿט זיך אין לערנען דעם תּלמוד, מוז מען שטענדיק ברענגען זײַן מיינונג וועגן אַ דין און מען באַמיט זיך צו פֿאַרשטיין, פֿאַר וואָס פּסקנט ער אַזוי און ניט אַנדערש. איבער זיבן הונדערט יאָר האָט דער רמב״ם כּסדר תּלמידים, וואָס שלינגען זײַנע ווערטער, וואָס פֿירן צווישן זיך דעבאַטעס: וואָס האָט דאָ דער גרויסער רבי געהאַט אין זינען, וואָס האָט ער געמיינט? הונדערטער טויזנטער ייִדן האָבן שוין געלערנט דעם רמב״ם. מען לערנט אים נאָך איצט. מען וועט אים נאָך לערנען און לערנען.

טו. — עטלעכע באַרימטע ענטפֿערס

נאָך דעם ווי עס איז אַרויס די „משנה תורה” האָט מען געוואוסט דעם רמבמס נאָמען אין אַלע ווינקעלעך פֿון דער וועלט, וואו עס זיינען געוועזן ייִדן. און פֿון אומעטום האָט מען אים געשריבן בריוו. מען האָט געבעטן ביי אים עצות; מען האָט זיך נאָכגעפֿרעגט וואָס עס איז זיין מיינונג וועגן פֿאַרשיידענע זאַכן; מען האָט געוואָלט וויסן ווי אַזוי זיך צו פֿירן אין פֿאַר־שיידענע פֿאַלן. דאָס ענטפֿערן אויף די אַלע בריוו האָט איצט פֿאַרנומען אַ סך צייט, אָבער דער רמבם האָט אַלעמען אַליין געענטפֿערט. ער האָט געשריבן קורץ און קלוג.

עטלעכע הונדערט יאָר פֿאַר רמבמען האָט די סעקטע קראָים זיך אָפּגעריסן פֿון ייִדן. אַ סך ייִדן האָבן ניט געוואוסט ווי זיי דאַרפֿן זיך פֿירן מיט די קראָים און מען האָט ניט געוואָלט האָבן צו טאָן מיט זיי. דער רמבם האָט אָנגעוויזן אַז מען דאַרף זיך גוט באַציִען צו די קראָים. מען דאַרף זיין פֿריינדלעך צו זיי, מען דאַרף גיין אויף זייערע אַ לוויה, קומען צו אַ ברית. מען קען טרינקען זייער וויין. מען דאַרף פֿאַרברענגען מיט זיי. מען זאָל נאָר ניט נאָכטאָן ווי אַזוי זיי פֿירן זיך שבת און אין די יום־טובים און אָפּהיטן אַלע דינים ווי עס לערנט דער תלמוד, וואָס די קראָים האַלטן ניט פֿון אים.

מיר זעען דאָ אַז דער רמבם האָט געוואָלט פֿאַרהיילן אַ ריס אין דעם ייִדישן פֿאָלק. ער האָט געוואָלט אַז ייִדן זאָלן זיך האַלטן נאָענט מיט די ברידער וואָס האָבן זיך אָפּגעריסן פֿון זיי — אפֿשר וועלן יענע צוריקקומען.

עס איז געווען זייער פֿאַרשפּרייט דער מאָדנער גלויבן אין דעם אַז דער גאַנג פֿון די שטערנס אויפֿן הימל באַשטימט דעם גורל פֿון די מענטשן אויף דער ערד. עס איז געווען אַ גאַנצע „וויסנ־שאַפֿט” אסטראָלאָגיע און מען האָט געהאַלטן אין איין רעכענען, ווען דער מענטש איז געבאָרן געוואָרן, אונטער וועלכן שטערן ער געפֿינט זיך, און וואָסערע דאַטעס זיינען די מזלדיקע פֿאַר אים. אַפֿילו מיט אַ צוויי הונדערט יאָר צוריק האָט מען נאָך אַלץ גע־

מיינט אַז אַסטראָלאָגיע איז אַ וויכטיקע זאַך. אין רמבמס צײַטן האָט מען אוודאי געהאַלטן פֿון אָט דער שטערן־זעערײַ. ייִדן פֿון דרום־פֿראַנקרײַך האָבן איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל געוואָלט וויסן: צי שטעקט עפּעס אין אַסטראָלאָגיע אָדער דאָס איז נאָר אַן אײַנ־ריידעניש. וואָס זשע האָבן זיי געטאָן? זיי האָבן זיך נאָכגעפֿרעגט בײַ ר׳ משה בן מיימון.

און דער רמבם האָט זיי געגעבן צו פֿאַרשטיין אַז אַסטראָלאָגיע איז אַ נאַרישקייט און ניט קיין וויסנשאַפֿט. פֿאַר זײַן צײַט איז עס רעוואָלוציאָנער און אַ באַווײַז אַז דער רמבם איז געווען אַ פֿרײַער גײַסט. ער איז אין זײַן ענטפֿער געווען אַ ביסל איראָניש און האָט דערמאָנט דאָס שפּריכוואָרט וואָס איז דאָ אין משלי, אין דער זאַמלונג שפּריכווערטער פֿון תּנ״ך, — „אַ נאַר גלייבט אין אַלצדינג.״

מען האָט אויך געזוכט גערעכטיקייט אין די בריוו צום רמבם. מען האָט זיך אויך באַקלאָגט פֿאַר אים אויף עוולות. איין מאָל האָט אַ גר זיך באַקלאָגט אויף אַ רבֿ. דער רבֿ האָט אים באַליידיקט און גערופֿן נאַר. און אַלץ דערפֿאַר וואָס ער האָט געזאָגט אַז די מוחמדאַנער זײַנען ניט קיין געצן־דינערס.

דער רמבם טרייסט דעם גר, ער זאָגט אַז ער איז גערעכט. דער רמבם האָט שטענדיק געהאַלטן אַז ניט די מוחמדאַנער, ניט די קריסטן זײַנען געצן־דינערס. דאָס איז דאָך נאָך געווען קאָנטיק אין זײַן ערשטן אַרויסטריט ווי אַ ייִדישער פֿירער, ווען ער האָט געשריבן „דעם בריוו וועגן שמד״. דער רמבם מוסרט דעם רבֿ וואָס האָט באַליידיקט דעם גר. ער זאָגט אַז יענער האָט געזינ־דיקט. 36 מאָל דערמאָנט די תּורה אַז מען זאָל זײַן גוט צו אַ גר, צו אַ פֿרעמדן וואָס קומט אין אונדזערע טויערן. דער רמבם ווײַזט אָן ווי שווער עס איז צו זײַן אַ ייִד — איז דאָך נאָך שווערער אַליין צו נעמען אויף זיך דעם יאָך פֿון זײַן אַ ייִד, ווען ייִדן האָבן צרות פֿון אַלע זײַטן. דאָס קען טאָן נאָר אַזאַ מענטש וואָס האָט אַ שטאַרקן ווילן און אַ טיפֿן גלויבן — ווי קען מען אַזאַ מענטשן באַליידיקן?

אין די בריוו, ווי אין אַלע זײַנע ווערק, רעדט דער רמבם ניט

קיין שלעכטס אויף מענטשן, אויך ניט אויף די וואָס טרעטן אַרויס קעגן אים. ער רעדט נאָר קעגן מיינונגען. ער איז שטענדיק אַ באַשיידענער, אַ לאַגישער, אַ רואיקער מענטש.

טז. — דער דאָקטער פֿון סולטאַנס הויף

ר׳ מיימונס זון האָט געהאָט דעם שם פֿון דעם גרעסטן דאָקטער אין מצרים. ער איז געוואָרן דער הויף־דאָקטער בײַם באַרימטן סולטאַן סאַלאַדין. דער סולטאַן איז אָפֿט ניט געווען אין דער היים. ער האָט געפֿירט מלחמות מיט די קריסטן, מיט די קרייצפֿאָרערס. די מלוכה האָט געפֿירט דער גרויס־וויזיר און ער איז געוואָרן דעם רמבמס פֿרײַנד. יאָרן לאַנג האָט דער רמבם יעדן טאָג זיך געזען מיט זײַן פֿרײַנד. דורך אים האָט דאָס דער רמבם אויסגעפֿירט אַלץ וואָס ער האָט געבעטן פֿאַר ייִדן אין מצרים און אין אַנדערע לענדער וואָס זײַנען געווען אונטער דער הערשאַפֿט פֿון דעם סולטאַן סאַלאַדין, אָדער וואָס האָבן געמוזט זיך רעכענען מיט דער מיינונג פֿון זײַן גרויס־וויזיר.

דער גרויסער ייִדישער דאָקטער האָט אויך געהאָט שונאים. דאָס זײַנען געווען אַראַבישע דאָקטוירים וואָס האָבן אים מקנא געווען: פֿאַר וואָס זאָל אַ ייִד פֿאַרנעמען אַזאַ וויכטיקן פּאָסטן? איז וועגן דעם פֿאַראַן אַזאַ לעגענדע:

דער סולטאַן האָט אויך געהאַט אַן אַראַבישן דאָקטער. האָט יענער געוואָלט פּטור ווערן פֿון ר׳ מיימונס זון. האָט ער געזאָגט דעם סולטאַן, אַז דער ייִדישער הויף־דאָקטער וויל אים פֿאַרסמען. ער האָט שוין אַפֿילו אַ פּאָר מאָל אײַנגעגעבן דעם סולטאַן סם, נאָר ער, זײַן געטרײַער דאָקטער, ראַטעוועט אים דאָס לעבן. דער סולטאַן האָט ניט געוואָלט זיך צוהערן צו אַזעלכע רייד.

איין מאָל איז דער סולטאַן געווען ניט אין גאַנצן געזונט. דער רמבם האָט אים אָנגעוויזן וואָס ער זאָל עסן און איז אַוועקגעגאַנגען. עס איז גראָד אַרײַן דער אַראַבישער דאָקטער, האָט

געגומען אַ ביסל פֿון דער שפּײַז וואָס דער הויף־דאָקטער האָט געהייסן דעם סולטאַן עסן און עס געגעבן דעם סולטאַנס הונט. דער הונט איז גלײַך געפֿאַלן אַ פֿאַרסמטער.

איצט האָט שוין דער סולטאַן געגלייבט אַז דער דאָקטער האָט אים געוואָלט פֿאַרסמען. האָט דער סולטאַן באַשלאָסן צו טייטן דעם ייִדישן הויף־דאָקטער. ער האָט אָבער ניט געוואָלט מאַכן קיין משפּט — זאָל מען ניט וויסן פֿון דער גאַנצער זאַך! ער האָט זיך געהאַלטן אַן עצה מיטן אַראַבישן דאָקטער און זיי ביידע האָבן צוגעטראַכט אַזאַ פּלאַן:

אויף דעם וועג וואָס דער רמב״ם האָט געדאַרפֿט יעדן טאָג דורכגיין, איז געווען אַן אָרט וואו מען האָט געמאַכט ציגל פֿאַרן סולטאַן. די ציגל האָט מען געבּרענט אין אַ גרויסן אויוון. האָט דער סולטאַן אָנגעזאָגט זײַנע מענטשן וואָס האָבן געאַרבעט בײַ די ציגל —

ווען עס וועט קומען איינער און אײַך פֿרעגן: „האָט איר שוין געטאָן דעם סולטאַנס ווילן?״ — נעמט אים און וואַרפֿט אים אַרײַן אין פֿײַער!

אין דער זעלביקער צײַט האָט דער סולטאַן געשיקט אַ שליח צום רמב״ם און אים געבעטן, אַז ווען ער וועט מאָרגן אויפֿן וועג צום סולטאַנס הויף פֿאַרבײַגיין דעם גרויסן אויוון וואו מען ברענט ציגל, זאָל ער פֿרעגן די מענטשן:

„האָט איר שוין געטאָן דעם סולטאַנס ווילן?״

אין דער פֿרי, אין דער באַשטימטער שעה, איז דער רמב״ם געגאַנגען צום סולטאַן. ער איז שוין געווען נאָענט צום אויוון. איז אַ פֿרוי אים געפֿאַלן צו די פֿיס און זיך גענומען בעטן, ער זאָל אַרײַן צו איר קראַנק קינד. דער רמב״ם האָט געזאָגט אַז ער וועט קומען שפּעטער, ער מוז פֿריִער זײַן בײַם סולטאַן אין הויף. אָבער די אָרעמע פֿרוי איז ניט אָפּגעשטאַנען, זי האָט אַזוי לאַנג זיך געבעטן, ביז דער דאָקטער איז אַוועק צו איר. דאָרטן האָט ער געפֿונען איר קראַנק קינד. ער האָט באַקוקט דאָס קינד, געגעבן רפֿואות, געטרייסט די אָרעמע מוטער, און ער האָט זיך דאָרטן פֿאַרהאַלטן אַ לענגערע צײַט.

ווען ער איז אַרויס פֿון איר און איז פֿאַרבײַ דעם אויוון, האָט ער זיך דערמאָנט וועגן דעם מאָדנעם באַפֿעל פֿון דעם סולטאַן, אָבער ער האָט קיין זאַך נישט איבערגעטראַכט, ער איז צוגעגאַנגען צו די מענטשן בײַם אויוון און זיי געפֿרעגט:

— „האָט איר שוין געטאָן דעם סולטאַנס ווילן?"

די מענטשן האָבן אים דערקענט, מיט פֿאַרוואונדערונג אים אָנגעקוקט און געענטפֿערט:

— יאָ, אַ פּאָר מינוט פֿריִער איז געקומען צו אונדז אַ מענטש מיט אַ די זעלביקע ווערטער און מיר האָבן אים אַרײַנגעוואָרפֿן אין אויוון, ווײַל אַזוי האָט אונדז דער סולטאַן באַפֿוילן!"

דער רמב״ם האָט איצט פֿאַרשטאַנען אַז דער סולטאַן האָט אים געוואָלט אומברענגען. אָבער ער האָט זיך נישט אומגעקערט אַהיים און נישט געקלערט וועגן אַנטלויפֿן. ער איז געגאַנגען ווײַטער צום סולטאַן. ווען דער סולטאַן האָט אים דערזען, האָט ער זיך זייער פֿאַרוואונדערט, וואָס ער זעט נאָך זײַן דאָקטער אַ לעבעדיקן. דער רמב״ם האָט דערציילט דעם סולטאַן אַלץ וואָס מיט אים האָט געטראָפֿן. דער סולטאַן האָט איצט קלאָר אײַנגעזען, ווי אומגערעכט ער איז געווען. און ער האָט געזאָגט:

— „דער וואָס האָט דיך געוואָלט אומברענגען איז אַליין אומגעקומען. ווען ער האָט געזען אַז דו ביסט נישט געקומען אין דער געוויינטלעכער צײַט, האָט ער געמיינט אַז מען האָט דיך שוין אַרײַנגעוואָרפֿן אין אויוון. האָט ער נישט געהאַט קיין געדולד, ער האָט געוואָלט אויף זיכער זיך דערוויסן וועגן דײַן טויט — און ער האָט דערבײַ געקריגן זײַן שטראָף."

דער רמב״ם האָט צוגעגעבן:

— „בײַ אונדז ייִדן איז דאָ אַ שפּרוך: דער גערעכטער ראַטעוועט זיך אַרויס פֿון גרוב און דער רשע פֿאַלט אַרײַן אַנשטאָט אים."

יז. — דער משפּט

די מעשׂה מיטן אויוון איז אַ לעגענדע וואָס גיט איבער, ווי אַזוי דאָס פֿאָלק האָט פֿאַרשטאַנען די געפֿאַרן וואָס זייער באַליבטן העלד, דעם רמבם, קומט אוים אויסצושטיין. עס זיַינען אָבער געווען אמתע סכנות. און איינע איז געקומען גראָד דורך דעם זעלביקן וואָס האָט געראַטעוועט דעם רמבם אין זיַינע יונגע יאָרן.

אין פֿעץ האָט געלעבט אַן אַראַבישער פּאָעט און געלערנטער איבן מאַיִשאַ. ער האָט דאָס געראַטעוועט ר׳ מיימונס זון פֿון די הענט פֿון אַ פֿאַנאַטישן ריכטער וואָס האָט געוואָלט אים פֿאַר־משפּטן צום טויט, וויַיל ער האָט פֿאַרשפּרייט דעם „בריוו וועגן שמד״. איצט איז דער איבן מאַיִשאַ געקומען אויף דער עלטער קיין קאַהיראָ.

דאָ האָט ער דערהערט ווי דער נאָמען פֿון יענעם יונגן מענטשן וואָס ער האָט אים געראַטעוועט איז אויף אַלעמענס ליפּן. ער האָט זיך דערוואוסט אַז אַלע, אַראַבער אַזוי ווי ייִדן, קענען ניט זיך אָפּלויבן פֿון זיַין חכמה און גוטסקייט. און דאָ האָט ער דערזען, ווי ר׳ משה בן מיימון איז גאָר אָפּן און פֿון קיינעם ניט גע־שטערט אַ גרויסער פֿירער ביַי ייִדן, און ווי ייִדן און ניט־ייִדן גיבן אים אָפּ כּבֿוד.

האָט עס אים שטאַרק פֿאַרדראָסן. ער האָט דאָ זיך דער־וואוסט אַז קיינער רעכנט זיך ניט מיט אים, דעם אַלטן אַראַבישן געלערנטן, און אַז דער רמבם האָט אים אין גאַנצן פֿאַרשטעלט. האָט ער צוגעטראַכט אַ פּלאַן ווי אַזוי אומצובריענגען דעם רמבם.

אין די מוחמדאַנישע לענדער איז געווען אַ געזעץ אַז ווען אַ מוחמדאַנער בײַט אָפּ זײַן גלויבן — קומט אים דערפֿאַר טויט־שטראָף. האָט איבן מאַיִשא אָנגעקלאָגט דעם רמבם: ער איז אַ מוחמדאַנער וואָס האָט געביטן זײַן גלויבן. ער איז געווען דער אָנקלאָגער. ער איז אויך געווען דער עדות.

דער גרויס־וויזיר האָט געזאָלט באַשטימען, ווער עס זאָל זײַן

דער ריכטער אין אַזאַ משפּט. האָט ער זיך אַליין באַשטימט פֿאַרן ריכטער פֿאַר אַזאַ ווילכטיקן באַשולדיקטן. דער רמב״ם האָט אויפֿגעקלערט:

ער איז קיין מאָל קיין מוחמדאַנער ניט געווען; אין פֿעץ האָט מען געמוזט זיך פֿאַרשטעלן פֿאַר אַ מוחמדאַנער כּדי צו קענען בלײַבן לעבן; ער האַלט אַז ער האָט עס געמוזט טאָן; שולדיק אין דעם איז נאָר די פֿאַנאַטישקייט פֿון די הערשערס אין פֿעץ; ער האָט קיין מאָל ניט אָפּגעווײַכט פֿון דעם יידישן גלויבן; מען דאַרף קיין מאָל ניט צווינגען אַ ייִדן, ער זאָל דאַרפֿן זיך פֿאַר־שטעלן פֿאַר אַ מוחמדאַנער.

און דאָס איז אויך געווען די מיינונג פֿון דעם ריכטער, דעם גרויס־וויזיר. דער רמב״ם איז באַפֿרײַט געוואָרן. איבן מאָישא איז אַ פֿאַרשעמטער אַוועק פֿון קאַהיראָ צוריק קיין פֿעץ, אין דער שטאָט פֿון פֿאַנאַטיזם.

יח. — „וועגן דער נאַטור פֿון כּלערליי סמען"

דער רמב״ם האָט אָנגעשריבן עטלעכע ווערק וועגן מעדיצין. אין אַט די ווערק ווײַזט ער אָן אַז די הויפּטזאַך איז צו פֿאַרמײַדן קראַנקייטן. ער לערנט, ווי אַזוי מען דאַרף זײַן אָפּגעהיט בײַם עסן און טרינקען. אַ סך עצות זײַנען זײַנע גוטע און ריכטיקע אַפֿילו איצט, נאָך אַזוי פֿיל הונדערטער יאָרן פּראָ־גרעס אין דער מעדיצינישער וויסנשאַפֿט.

דער רמב״ם האַלט אַז „פֿון טויזנט מענטשן שטאַרבט נאָר איינער מיט אַ נאַטירלעכן טויט. אַלע אַנדערע שטאַרבן פֿאַר דער צײַט, ווײַל מען עסט און מען טרינקט צו פֿיל און ניט וואָס מען דאַרף, און ווײַל מען איז נאַריש און מען קען ניט אײַנהאַלטן די פֿאַרלאַנגען."

דער רמב״ם האָט געהאַלטן אַז היילן היילט די נאַטור און מען דאַרף וואָס ווייניקער זיך אַרײַנמישן אין איר אַרבעט. נאָר

ווען מען איז זיכער אַז מען דאַרף איר צוהעלפֿן און מען ווייס ווי עס צו טאָן, דאַרף דער דאָקטער געבן רפֿואות אָדער מאַכן אַן אָפּעראַציע איבער דעם קראַנקן. ער האָט אין איינעם פֿון זײַנע ווערק אָנגעוויזן אויף אַ סך טעותן וואָס זײַנען יעמאָלט געווען פֿאַרשפּרייט צווישן די דאָקטוירים.

דער גרויס-וויזיר, דעם רמבמס פֿרײַנד, האָט אים געבעטן אָנצושרײַבן אַ בוך וועגן דער נאַטור פֿון פֿאַרשיידענע סמען און ווי אַזוי אָפּצוראַטעווען אַ מענטשן וואָס מען האָט אים פֿאַרסמט. דאָס איז געווען אַ פּראַקטיש בוך, ווײַל אין יענע צײַטן האָט מען אָפֿט גענוצט סם, ווען מען האָט געוואָלט פּטור ווערן פֿון אַ קעגנער אין הויף.

דער רמבם האָט אַזאַ בוך אָנגעשריבן לכּבֿוד דעם גרויס-וויזיר. דאָס בוך איז נאָך דעם געווען באַרימט אין פֿאַרלויף פֿון הונדערטער יאָרן. אַזוי ווי דער רמבם איז געווען אַזאַ גרויסער ספּעציאַליסט אין פֿאַרשיידענע סמען, איז אַרום דעם אויסגע-וואַקסן אַזאַ מעשׂה:

דער סולטאַן האָט פֿריִער געהאַט אַן אַראַבישן דאָקטער וואָס האָט געהייסן קאַמון. נאָך דעם ווי דער רמבם איז געוואָרן באַ-רימט ווי אַ דאָקטער, האָט ער פֿאַרנומען קאַמונס שטעל. דאָס האָט דעם אַראַבישן דאָקטער זייער שטאַרק געקרענקט און ער האָט שטענדיק אויסגעקלערט אַלערליי ליגנס אויף ר׳ מיימונס זון און געוואָלט אַלץ ווײַזן, אַז דער ייִדישער דאָקטער פֿאַרשטייט ניט זײַן פֿאַך.

דעם סולטאַן איז דאָס איבערדריסיק געוואָרן. האָט ער גע-פֿרעגט איינעם פֿון זײַנע חכמים, ער זאָל אים אָנווײַזן, ווי אַזוי ער קען טאַקע אויף אַן אמת אויספּרוּוון, ווער עס איז אַ בע-סערער דאָקטער. האָט יענער געגעבן אַזאַ עצה: זאָל יעדער דאָקטער פּרוּוון פֿאַרסמען דעם צווייטן, און ווער עס וועט בלײַבן לעבן — דער איז דער בעסערער!

דער אַראַבישער דאָקטער האָט געזאָגט: גוט! דעם רמבם האָט מען שוין ניט געפֿרעגט. ווען מען האָט עס אים אָנגעזאָגט,

האָט ער זיך געפּילט זייער אומגליקלעך. ער האָט אָבער באַשלאָסן בײַ זיך: ער וועט קיין מענטשן ניט פּאַרסמען!

און יעדן טאָג אין פּאַרלויף פֿון אַ גאַנצן חודש האָט דער אַראַבישער דאָקטער צוגעגרייט סם פֿאַרן רמבם. דער רמבם פֿלעגט דעם סם אײַננעמען, פֿלעגט גלײַך אַוועק אַהיים, און ער אַליין, אָדער מיט דער הילף פֿון זײַנע תּלמידים, אויב דער סם האָט געווירקט גלײַך, האָט ער אָנגענומען יענע מיטלען וואָס ווירקן קעגן דעם סם. גרויס איז געווען די פֿאַרוואונדערונג פֿון דעם אַראַבישן דאָקטער און פֿון גאַנצן הויף וואָס דער רמבם קען יעדן טאָג פֿון דאָס ניי קומען אין הויף, אַזוי ווי דער סם וואָס ער האָט אַ טאָג פֿריִער אײַנגענומען וואָלט געווען גוטער ווײַן.

דער רמבם האָט דעם שונא זײַנעם קיין סם ניט געגעבן. ווען מען האָט אים געפֿרעגט, האָט ער געענטפֿערט: „ער וועט שוין קריגן זײַן שטראָף!“

אָבער דער בייזער קאַמון איז געווען זיכער בײַ זיך אַז דער רמבם וויל אים פּאַרסמען אין געהיים. האָט ער אין גאַנצן אויפֿגעהערט צו עסן און צו טרינקען. די איינציקע זאַך וואָס ער האָט אַרײַנגענומען אין מויל אַרײַן איז געווען מילך פֿון אַ ציג וואָס ער האָט זי אַליין געמאָלקן. ער איז אין פּאַרלויף פֿון דעם חודש געוואָרן אויסגעדאַרט און שוואַך. ער האָט קוים זיך געהאַלטן אויף די פֿיס.

אַז עס איז געקומען דער לעצטער טאָג פֿון חודש פֿאַר אַט דעם מאָדנעם פּאַרמעסטן זיך אין פּאַרסמען, איז דער רמבם ווידער געקומען אין הויף. דער סולטאַן האָט געזאָגט אַז ער האָט קיין מאָל ניט געזען אַז קאַמון זאָל עפּעס אַרײַננעמען אין מויל אַרײַן. האָט קאַמון געבראַכט זײַן ציג, זי אויסגעמאָלקן, גענומען די גלאָז מילך און געוואָלט צוטראָגן צו די ליפּן. האָט דער רמבם אויסגערופֿן:

— „דו ביסט דאָך דער מענטש וואָס פּאַרסמט — זע, צי עס איז ניטאָ קיין סם אין דער מילך וואָס דו טראָגסט צו צו די ליפּן!“

קאַמון איז געוואָרן אַ פּאַרציטערטער, ער האָט אַרויסגעלאָזט

די גלאָז פֿון די הענט און איז אַליין געפֿאַלן צו דער ערד. ער איז געווען טויט.

דער רמבם האָט גערופֿן אַנדערע דאָקטוירים, מען האָט גע־זוכט אין דעם טויטן קערפּער סם און ניט געפֿונען. האָט מען גע־גלייבט דעם רמבם, ווען ער האָט געזאָגט אַז ער האָט אים קיין מאָל קיין סם ניט אײַנגעגעבן און אַז זײַן שׂונא איז געשטאָרבן פֿון שרעק.

יט. — דער וואָרעם אויפֿן מאַרך

פֿאַר ייִדן איז דער רמבם געווען דער גרעסטער ייִדישער געלערנטער, דער גרעסטער גאון. פֿאַר פֿילאָסאָפֿן איז ער געווען זייער אַ גרויסער פֿילאָסאָף. פֿאַר די ייִדן אין מצרים איז ער געווען זייער באַליבטער פֿירער. אָבער פֿאַר די פּשוטע ניט־ייִדישע מענטשן פֿון אַרום איז ער געווען דער גרעסטער דאָקטער. מען האָט זיך געשאַפֿן לעגענדעס וועגן זײַן וואונדער־לעכער דאָקטער־קונסט. מען האָט וועגן אים געשריבן לידער. איינער אַ באַוואוסטער אַראַבישער פּאָעט האָט אַזוי באַזונגען דעם רמבם:

„ער היילט קערפּער און גײַסט...
ווען די לבֿנה זאָל זיך לאָזן היילן פֿון אים,
וואָלט זי ניט געהאַט קיין פֿלעקן, ווען זי איז פֿול,
און זי וואָלט אַ גאַנצן חודש געווען אַ פֿולע, אַ גאַנצע!"

אומעטום האָט מען געוואוסט דעם נאָמען פֿון דעם באַרימטן ייִדישן דאָקטער. דער ענגלישער קיניג ריטשאַרד לייבן־האַרץ, וואָס האָט געפֿירט מלחמות מיט דעם סולטאַן סאַלאַדין, האָט געשיקט צום רמבם ספּעציעלע מענטשן און אים פֿאַרבעטן צו זיך קיין ענגלאַנד. אָבער דער רמבם האָט זיך אָפּגעזאָגט. וויפֿל געלט און וויפֿל כּבֿוד מען האָט אים ניט פֿאַרגעלייגט — קיין זאַך האָט ניט געהאָלפֿן.

און דאָ איז נאָך אַ שיינע פֿאָלקס-מעשׂה וועגן רמבם דעם דאָקטער:

אין דער ווײַטער שטאָט לאָנדאָן האָט מען געהערט וועגן רמבמס גרויסקייט. האָט איינער אַ געלערנטער און קלוגער בחור פֿון רײַכע טאַטע-מאַמע זיך אײַנגעבעטן בײַ זיי, זיי זאָלן אים לאָזן פֿאָרן אין דעם ווײַטן לאַנד מצרים, ער זאָל קענען זיך לערנען בײַם גרויסן גאון און באַרימטן דאָקטער. און ער איז אַוועק און געקומען קיין מצרים און אַרײַן צו רמבמען אין שטוב. ער האָט זיך אָבער פֿאַרשטעלט פֿאַר אַ טויב-שטומען. מיט צייכנס האָט ער געגעבן צו פֿאַרשטיין אַז ער וויל דאָ בלײַבן, אַז ער וויל זײַן אַ באַדינער. און ער האָט אַזוי שטאַרק זיך געבעטן, און עס איז געווען אויף אים אַזאַ גרויסער רחמנות, אַז דער רמבם האָט צוגעשטימט ער זאָל בלײַבן בײַ אים.

דער טויב-שטומער איז מער ניט אָפּגעטראָטן פֿון זײַן האַר. אומעטום וואו דער רמבם איז געגאַנגען — איז ער אים נאָכגע-גאַנגען. ער האָט אים אונטערגעטראָגן אַלץ וואָס ער האָט גע-דאַרפֿט און ער איז געווען אַ ניצלעכער באַדינער. ער פֿלעגט שלינ-גען איטלעכס וואָרט וואָס ער האָט געהערט פֿון זײַן האַר. ווען קיינער האָט ניט געזען, האָט ער געלייענט אַלע זײַנע כּתבֿים.

אַזוי זײַנען אַוועק שיינע עטלעכע יאָר. איין מאָל האָט מען דעם רמבם גערופֿן צו אַ קראַנקן בן-מלך. וויפֿל דאָקטוירים עס זײַנען שוין ניט אויסגעווען, האָבן זיי קיינער ניט געוואוסט אין וואָס עס באַשטייט די קראַנקייט. און דאָ זעט מען אַז דער בן-מלך צאַנקט וואָס פֿון טאָג, זײַנע כּוחות גייען אים אוים. ביז מען האָט געבראַכט דעם רמבם.

דער רמבם האָט לאַנג באַטראַכט דעם חולה, געזען אַז אַלע זײַנע אבֿרים זײַנען געזונט און ער האָט געזאָגט:

— „סײַדן דער מאַרך איז אים קראַנק. אויפֿן מאַרך איז דאָ עפּעס וואָס עסט אים אויף פֿון אינעווייניק. מען דאַרף מאַכן אַ גע-פֿערלעכע אָפּעראַציע אויפֿן מאַרך. דאָס וועט אים העלפֿן.”

דער מלך האָט אײַנגעוויליקט: ער האָט געוואָלט ראַטעווען

זײַן זון. און דער רמב״ם האָט געמאַכט די אָפּעראַציע. קײנער איז דערבײַ ניט געװען, נאָר זײַן טויב־שטומער באַדינער. און דער רמב״ם האָט טאַקע דערזען אַ װאָרעם אויפֿן מאָרך. האָט ער געװאָלט נעמען אַ דין־דין צװענגעלע אַראָפּצונעמען דעם װאָרעם.

— „ניטע!" — האָט פּלוצעם אויסגערופֿן דער באַדינער. דער רמב״ם האָט אין גרויס פֿאַרװאונדערונג זיך אָפּגעשטעלט. און דער תּלמיד זײַנער האָט געזאָגט:

— „זאָל דער רבי מיר מוחל זײַן, אָבער אין אײַערן אַ בוך האָט איר דאָך אַלײן אָנגעװיזן אַז אין אַזאַ פֿאַל זאָל מען ניט נעמען דעם װאָרעם מיט אַ צװענגעלע, װײַל דער װאָרעם איז אײַנגעגעסן אין מאָרך, און אויב מען װעט אים נעמען איבער גװאַלד, װעט דער מאָרך צעריסן װערן, מען דאַרף אַ —"

— „יאָ, גערעכט, איך האָב זיך גאָר פֿאַרגעסן. מען דאַרף צולײגן אַ בלאַט, אַ גרין בלאַט, און דער װאָרעם װעט אַלײן אַרויפֿקריכן אויפֿן בלאַט!" — האָט דער רמב״ם זיך דערמאָנט.

און מען האָט טאַקע אַזוי געטאָן, און דעם בן־מלך האָט דער רמב״ם געראַטעװעט. װען דער מלך האָט אים געװאָלט באַלוינען מיט אוצרות גאָלד, האָט דער רמב״ם געזאָגט:

— „איך דאַרף ניט אײַער גאָלד. איך דאַרף אײַער הײליק װאָרט אַז איר װעט זײַן גוט צו די ייִדן אין אײַער מלוכה."

און דער מלך האָט אים צוגעזאָגט און געהאַלטן װאָרט.

און דער „טויב־שטומער" באַדינער איז נאָך דעם געװאָרן בײַם רמב״ם זײער אַ באַליבטער תּלמיד. און שפּעטער איז ער אַלײן געװאָרן גאָר אַ גרויסער דאָקטער.

כ. — „דער װעגװײַזער פֿאַר צעטומלטע"

װי גרויס אַ דאָקטער זאָל ניט זײַן — הײלט ער נאָר דעם גוף פֿון די מענטשן װאָס אַרום אים. דער רמב״ם איז אָבער געװען זײער אַ גרויסער דאָקטער פֿאַר דער מענטשלעכער

נשמה און געוויזן אַ ליכט און אַ וועג פֿאַר צעטומלטע פֿון זײַן דור און פֿון אַ סך שפּעטערדיקע דורות. ער האָט אָנגעשריבן אַ גרויס פֿילאָסאָפֿיש ווערק וואָס האָט הונדערטער יאָרן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אי בײַ ייִדן אי בײַ ניט־ייִדן.

דאָס ווערק הייסט „דער וועגווײַזער פֿאַר צעטומלטע". אויף העברעאיש הייסט עס „מורה נבֿוכים". דאָס באַרימטע ווערק איז אַרויס צען יאָר נאָך דער „משנה תּורה". און דאָס ווערק האָט אָנגעמאַכט אַ שטורעם אין זײַן צײַט.

אָט דאָס בוך האָט דער רמב״ם געשריבן ניט פֿאַר יעדער איינעם, נאָר פֿאַר געציילטע, פֿאַר זײַנע נאָענטע תּלמידים, פֿאַר די וואָס האָבן ליב פֿילאָסאָפֿיע. דאָס בוך איז אַזוי ווי אַ לאַנגע אויפֿקלערונג, אַדרעסירט צו זײַן באַליבטן תּלמיד יוסף איבן עקנין (לייען: אַקנין). פֿאַר וואָסערע צעטומלטע איז עס אַ וועג־ווײַזער?

עס זײַנען אין רמב״מס צײַטן געווען מענטשן וואָס האָבן שטו־דירט וויסנשאַפֿטן און פֿילאָסאָפֿיע פֿון איין זײַט, און דאָס ייִדישע וויסן פֿון דער צווייטער זײַט. און זיי האָבן בײַ זיך ניט געקענט באַשליסן: וואָס איז דאָס ריכטיקע? איז גערעכט די פֿילאָסאָפֿיע אָדער די ייִדישע אמונה? זייער האַרץ האָט זיי געצויגן צו דעם ייִדישן גלויבן, זיי זײַנען געווען צוגעוואוינט אָפּצוהיטן ייִדישע דינים. און דער קאָפּ איז געווען פֿאַרכאַפּט פֿון דער לאָגיק וואָס איז פֿאַראַן בײַ די פֿילאָסאָפֿן, דערהויפּט בײַ דעם באַרימטן גרי־כישן פֿילאָסאָף אַריסטו (אָדער אַריסטאָטעלעס). און זיי האָבן זיך געפּלאָנטערט צווישן האַרץ און שׂכל, זיי האָבן זיך געוואַקלט צווישן משה רבנוס תּורה און דער לערע פֿון דעם גרויסן אויטאָרי־טעט אַריסטאָטעלעס.

אָט זיי וויל דאָס דער רמב״ם באַפֿרײַען פֿון צעטומלטקייט, זיי וויל ער דאָס אויפֿקלערן און באַלײַכטן זייער וועג.

זאָגט זיי דער רמב״ם: דער אמת פֿון דעם ייִדישן גלויבן און דער אמת פֿון דער פֿילאָסאָפֿיע איז איין און דער זעלביקער אמת. די גאַנצע חכמה פֿון אַלע וויסנשאַפֿטן פֿירט צו דעם זעלביקן

לעבן ווי עס ווייזן אָן די יִדישע געזעצן. נאָר ווען מען האָט גע־לערנט אַ ביסל און געטראַכט אַ ביסל, מיינט מען אַז דער יִדישער גלויבן און די פילאָסאָפיע שטימען ניט צווישן זיך. ווען מען שטודירט טיפער און מען טראַכט זיך מער אַריַין, זעט מען אַז זיי זאָגן דאָס זעלביקע.

דער רמבם ווייַזט אָן אַז אין דעם יִדישן גלויבן איז ניטאָ קיין זאַך וואָס איז קעגן דער פילאָסאָפיע. דער רמבם רעדט אין „מורה נבֿוכים" וועגן גאָט, וועגן גוטס און שלעכטס, וועגן דעם וואָס איז נאַטירלעך און וואָס איז געטלעך. ער האַלט אַז אין אַלץ דאַרף מען זיך פאַרלאָזן אויפן שׂכל און ער ווייַזט אַז דער יִדישער גלויבן גייט ניט קעגן שׂכל, נאָר שטיצט זיך אויפן שׂכל.

דער רמבם האַלט זייער שטאַרק פון אַריסטאָטעלעס, אַזוי ווי מען האָט געהאַלטן אין זיַין צײַט און אַ סך הונדערטער יאָרן נאָך אים. אָבער דאָרטן וואו אַריסטאָטעלעס האָט אין גאַנצן אַן אַנדער מיינונג ווי עס איז לויט דעם יִדישן גלויבן, גייט דער רמבם מיט דער יִדישער אמונה און טרעט אַרויס קעגן אַריסטאָטעלעס. אַזוי זאָגט דער רמבם אַז ניט די נאַטור איז אייביק, ווי עס לערנט אַריסטאָטעלעס — אייביק איז נאָר גאָט.

דער יִדישער פילאָסאָף איז אַן אָפּטימיסט. ער האַלט אַז די וועלט איז אַ גוטע, באַשאַפן פון אַ גוטן, אַ פולקומען גאָט. אין דער אמתן איז פאַראַן נאָר דאָס גוטע. דאָס שלעכטע איז נאָר — דאָס פעלן פון דעם גוטן. דער מענטש קען מאַכן אַז אין דער וועלט זאָל זיַין אַ סך מער גוטס. עס זיַינען פאַראַן דריַי מינים שלעכטס: אַ שלעכטס וואָס קומט ווי אַ נאַטור־אומגליק און דער מענטש קען דערביַי קיין זאַך ניט טאָן; אַ שלעכטס וואָס דער מענטש טוט דעם צווייטן מענטשן — און דאָס קען ער דאַך פאַרמיַידן; אַ שלעכטס וואָס דער מענטש טוט זיך אַליין — און דאָס דאַרף ער דאַך אויך פאַרמיַידן.

זאָל דער מענטש לעבן מיט אַ קלאָרן און רואיקן שׂכל און זאָל ער זיך לאָזן פירן פון אַ ריין און גלייַביק האַרץ. שׂכל און האַרץ, גלויבן און וויסן פירן ניט קיין מלחמה צווישן זיך.

אזוי קלאָר איז געווען דעם רמבמס שׂכל און אזוי רואיק איז געווען זײַן געמיט. ער האָט זיך ניט געוואַקלט, ער איז ניט געווען צעטומלט. אין זײַן אייגענער נשמה איז געווען די גליקלעכע האַרמאָניע.

כא. — די פֿרומע קעגנערס

קעגן דעם „מורה נבוכים" האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ גאַנצער טומל. דער רמבם האָט שוין פֿריִער אויך געהאַט שטאַרקע קעגנערס. עס זײַנען געווען אויך אַזעלכע וואָס זײַנען ניט געווען צופֿרידן מיט זײַן „יד חזקה". זיי האָבן אויפֿגעוואָרפֿן דעם רמבם אַז ער וויל מיט זײַן ווערק פֿאַרבײַטן דעם תּלמוד.

דער הויפּט-קעגנער איז יעמאָלט געווען דער רבֿ פֿון באַגדאַד. ער, דער רבֿ פֿון באַגדאַד, האָט געמיינט אַז ער דאַרף דאָס זײַן דער פֿירער פֿון אַלע ייִדן און ער דאַרף אַלעמען אָנווײַזן וואָס עס איז דער ייִדישער דין. ער איז דאָך אין יענעם לאַנד וואו עס זײַנען געווען די גאונים, און נאָך פֿריִער האָט מען דאָרטן געשאַפֿן דעם תּלמוד.

דער רבֿ פֿון באַגדאַד האָט געלעבט ווי אַ פּירשט, ער האָט געהאַט אַ סך דינערס און זיך געפֿירט ווי ער וואָלט געווען אַ הערשער איבער ייִדן. האָט ער ניט געוואָלט פֿאַרלײַדן אַז דער באַשיידענער דאָקטער פֿון מצרים זאָל אים פֿאַרטונקלען, אַז יענער זאָל דאָס ווערן דער וואָס לערנט אַלע ייִדן ווי צו לעבן ווי ייִדן אויף דער וועלט. אָבער עס האָט אים ניט געהאָלפֿן. די ייִדן האָבן אומעטום אָנגענומען דעם אויטאָריטעט פֿון דער „יד חזקה".

און אַפֿילו די רבנים אין דרום-פֿראַנקרײַך און אַנדערשוואו, וואָס האָבן געהאַט געוויסע טענות צום רמבמס געזעץ-בוך, האָבן דאָך אַלע אָנגענומען אָט דאָס גרויסע ווערק און מען האָט עס גענומען לערנען. „יד חזקה" אָדער „משנה תּורה" איז געוואָרן דאָס בוך פֿון ייִדישן דין. אמת, עס האָט ניט פֿאַרביטן דאָס שטו־

דירן דעם תּלמוד, נאָר עס האָט נאָך מער פּאַרטיפּט דאָס לערנען. גאָר אַנדערש איז געווען מיט דעם „מורה נבֿוכים".

עס זײַנען געווען אַזעלכע פֿרומע רבּנים וואָס האָבן געזאָגט אַז דער רמבּם איז אין דעם ווערק אַוועק פֿון ריכטיקן וועג. זיי האָבן געטענהט אַז מען טאָר גאָרניט פֿאַרגלײַכן משה רבּנו תּורה צו דער לערע פֿון אַ פֿילאָסאָף. זיי האָבן געהאַלטן אַז מען טאָר ניט בּויען אויפֿן שׂכל וואָס קען פֿאַרפֿירן צו אַפּיקורסות.

דער שטאַרקסטער קעגנער איז געווען שלמה בּן אַבֿרהם פֿון דער שטאָט מאָנפּעליע, אין דרום־פֿראַנקרײַך. ער האָט אַרײַנגעלייגט אין חרם רמבּמס „מורה נבֿוכים". אַרום דעם חרם האָט זיך צעפֿלאַקערט אַ מלחמה וואָס האָט זיך געצויגן פֿופֿציק יאָר. אַנדערע קהילות האָבן געהאַלטן מיט דעם רמבּם, אַנדערע מיט זײַנע קעגנערס. מען איז געווען זייער צעהיצט אין דעם קאַמף. מען האָט זיך געמסרט, אָפּגעטאָן ניט קיין שיינע זאַכן.

ערשט אַ סך יאָרן נאָך רמבּמס טויט, ווען עס זײַנען געקומען נײַע צרות אויף די ייִדן אין פֿראַנקרײַך, וואו דער קאַמף איז געווען בּאַזונדער שאַרף, האָט ער זיך אײַנגעשטילט. בּײַ די גאָר־גאָר פֿרומע איז דאָך פֿאַרבּליבּן: מען דאַרף וואָס מער שטודירן דעם רמבּמס „משנה תּורה" און מען דאַרף אים פֿאָלגן וואָס ער ווײַזט דאָרטן אָן; מען דאַרף בּעסער ניט לערנען זײַן „מורה נבֿוכים", ווײַל פֿון פֿילאָסאָפֿיע קומט קיין גוטס ניט אַרויס.

אָבער די אַלע וואָס שרעקן זיך ניט פֿאַר פֿילאָסאָפֿיע האָבן אויך געהאַלטן זייער שטאַרק און האַלטן בּיזן הײַנטיקן טאָג פֿון רמבּמס גרויסן פֿילאָסאָפֿישן ווערק.

כב. — דער נגיד פֿון די ייִדן אין מצרים

ווי נאָר דער רמבּם איז געוואָרן דער דאָקטער פֿון סולטאַנס הויף איז ער אויך געוואָרן אַ גוטער בּעטער פֿאַר ייִדן. ער האָט זיך אָנגענומען פֿאַר ייִדן אין מצרים. ער האָט געבּעטן פֿאַר ייִדן אין אַנדערע לענדער.

שפּעטער איז ער געוואָרן באַשטימט ווי דער אָפיציעלער פירער און פאַרשטייער פון די ייִדן אין מצרים. ער האָט געקריגן דעם טיטול — נגיד. דאָס איז געווען אַן אַמט פון דער מאַכט. און דער אַמט איז נאָך דעם אַריבער בירושה צו ר׳ משהס זון און נאָך דעם צו זײַן אייניקל. די ייִדן אין מצרים זײַנען געווען שטאָלץ מיט דער נײַער דינאַסטיע פירערס וואָס האָט זיך אײַנגעשטעלט בײַ זיי.

זיי האָבן געזען ווי אַלע ייִדן אין דער וועלט הערן זיך צו צו דעם רמב״ם ווערטער. האָבן זיי געווים געוואָלט אים פאָלגן. אַפילו ווען דער רמב״ם איז אַרויסגעטראָטן קעגן אַ סך מנהגים, וואָס זיי זײַנען געווען צוגעוואוינט צו זיי, האָבן זיי אים געפאָלגט און זיך גענומען פירן אַנדערש ווי פריִער.

בײַ ייִדן אין מצרים זײַנען די חתונות געווען זייער מאָדנע. די כּלה פלעגט טאַנצן מיט אַ שווערד אין האַנט אַ ווילדן שווערדן־טאַנץ. דער חתן פלעגט אָנטאָן אַ קלייד פון אַ פרוי, און אויך דעם חתנס חבֿרים וואָס זײַנען געווען אויף דער חתונה האָבן זיך אַזוי פאַרשטעלט. דער רמב״ם האָט זיי אָנגעוויזן אַז אַזעלכע מנהגים זײַנען ניט שיין און זײַנען ניט ייִדיש. האָבן זיי ביסלעכ־וויַיז בײַ זיך אײַנגעפירט אַזאַ חתונה ווי בײַ אַלע אַנדערע ייִדן.

דער רמב״ם איז אַרויסגעטראָטן קעגן אײַנריידענישן ניט נאָר אין זײַנע ספרים, נאָר אויך ווי דער נגיד איבער די ייִדן פון מצרים. מען פלעגט אָנטאָן קמיעות אויף די קינדערשע העלדזעלעך און מען האָט געמיינט אַז אָט די נאַרישע קמיעות העלפן קעגן אַלץ: ווען עס שנײַדן זיך די ציינדלעך בײַ גאָר קליינע קינדער, ווען אַ קינד ווערט קראַנק, ווען אַ קינד לערנט זיך שלעכט. דער רמב״ם האָט גערעדט קעגן דעם, און די ייִדן האָבן זיך שוין גע־שעמט אָנצוטאָן קמיעות אויף די העלדזלעך פון זייערע קינדער.

דער רמב״ם האָט אויך געהאָלפן ייִדן אין געפינען פרנסה. ער איז געווען אַזוי ווי אַ גוטער פאָטער צו די ייִדן וואָס ער האָט געהאַט די דעה איבער זיי. ער האָט קיין מאָל ניט געטאָן אַליין — ער האָט שטענדיק זיך געהאַלטן אַן עצה מיט די פאַרשטייערס פון דער קהילה אין האַהירא און פון אַנדערע קהילות.

ער האָט גוט געדענקט, ווי ביטער עס איז אים געווען, ווען ער האָט געוואָלט זײַן אין ירושלים כאָטש אַ פּאָר טעג און האָט ניט געקענט, ווײַל ער איז אַ ייִד. איצט, ווען דער סולטאַן סאַלאַדין האָט אײַנגענומען די שטאָט ירושלים פֿון די קרייצפֿאָרערס, האָט דער רמבם אים געבעטן — און עס איז אַרויס אַ באַפֿעל: ייִדן מעגן זיך צוריקקערן אין זייער אַלטער שטאָט ירושלים.

און ייִדן האָבן זיך ווידער באַזעצט אין דודס שטאָט, אין ירושלים.

כג. — די לעצטע יאָרן

ר׳ משהם לעבן איז געווען פֿול מיט אַרבעט און מיט זאָרג. ער האָט געהאַט אויסצושטיין אַ סך צרות. זײַן פֿרוי איז אים געשטאָרבן. עס איז געשטאָרבן זײַנע אַ יונגע טאָכטער. ער האָט געוואָלט האָבן אַ זון, אָבער ער האָט ניט געהאַט.

ער האָט דאָס צווייטע מאָל חתונה געהאַט. ערשט ווען ער איז געווען איבער פֿופֿציק יאָר אַלט איז ער געוואָרן דער פֿאָטער פֿון אַ זון. ער האָט אים אַ נאָמען געגעבן אַבֿרהם.

דער זון איז געווען זײַן פֿרייד אויף דער עלטער. דער ייִנגל האָט זיך שטענדיק צוגעהערט צו זײַן פֿאָטערס רייד. און דער פֿאָטער האָט שטאַרק זיך געזאָרגט אַז זײַן אַבֿרהם זאָל קענען אַ סך און זאָל זײַן זײַנער אַ גוטער יורש — אַזוי ווי ר׳ מיימון האָט זיך געזאָרגט וועגן זײַן משהן. און אַבֿרהם איז אויסגעוואַקסן אַ גוטער און געלערנטער בחור. שפּעטער איז ער געוואָרן אַ געטרײַער פֿירער בײַ ייִדן.

אויף דער עלטער האָט ר׳ משה קיין רו ניט געהאַט. ער איז געווען אַ שוואַכער מענטש, אָבער אים איז אויסגעקומען זייער אַ סך צו אַרבעטן. יעדן פֿרימאָרגן איז ער געקומען אין פּאַלאַץ פֿון כאַליף. אויב דער כאַליף איז געווען ניט אין גאַנצן געזונט, אָדער אויב עס איז געווען קראַנק איינער פֿון זײַן משפּחה, אָדער אַפֿילו פֿון די הויפֿלײַט — האָט ער געדאַרפֿט בלײַבן אין פּאַלאַץ כמעט

דעם גאַנצן טאָג. ווען אַלץ איז געווען גוט, האָט ער געקענט קומען אַהיים ערשט נאָכן מיטן טאָג.

דער וועג פֿון דער היים ביזן פּלאַץ איז געווען אַ ווײַטער, ווײַל ר׳ משה האָט געלעבט אין דער פֿאַרשטאָט פּאָסטאַט — ער האָט ניט געוואָלט וואוינען לעבן פּלאַץ, ער האָט געוואָלט זײַן צווישן ייִדן. האָט ער געדאַרפֿט אַהין און צוריק רײַטן אויף אַן אייזל.

ווען ער איז געקומען אַהיים, איז ער שוין געווען אַ פֿאַר־מאַטערטער. אָבער ערשט איצט האָט זיך אָנגעהויבן די שווערע אַרבעט. זײַן הויז איז פֿול מיט מענטשן. דאָס זײַנען פּאַציענטן וואָס קומען פֿון נאָענט און ווײַט. ער געפֿינט בײַ זיך ייִדן און ניט־ייִדן, אָרעמע און רײַכע.

דער דאָקטער גייט אַראָפּ פֿון אייזל, וואַשט זיך די הענט און גייט אַרויס צום עולם וואָס וואַרט אויף אים. ער קען דערווײַל נאָך ניט באַקוקן די קראַנקע. ער האָט נאָך ניט געגעסן. אָבער דערווײַל גייט ער אַרויס צו זיי, זאָגט יעדערן אַ פֿרײַנדלעך וואָרט, ער טרייסט, ער באַרואיקט.

ער איז שוין זייער הונגעריק. ער עסט אָפּ זײַן איינציקן מאָלצײַט פֿון טאָג. ער גייט אַרויס צו די מענטשן וואָס וואַרטן אויף אים. ביז עס גייט אַוועק דער לעצטער פּאַציענט — איז שוין שפּעט אין דער נאַכט. דער דאָקטער נעמט ניט פֿון די הענט פֿון די קראַנקע דאָס געלט וואָס זיי ברענגען אים. בײַ דער טיר הענגט אַ פּושקעלע און אַהין וואַרפֿן די פּאַציענטן אַרײַן דאָס געלט. דער דאָקטער ווייסט ניט, ווער עס האָט געגעבן מער, ווער ווייניקער, און ווער עס האָט קיין זאַך ניט אַרײַנגעוואָרפֿן, ווײַל ער האָט ניט מיט וואָס צו באַצאָלן.

דעם אַלטן דאָקטער וואָלט געווען גרינגער, אויב עס וואָלטן געקומען ווייניקער פּאַציענטן. ער יאָגט זיך ניט נאָך פּאַציענטן. אָבער וואָס גרעסער עס ווערט זײַן נאָמען, אַלץ מער קראַנקע קומען צו אים. זיי קומען צו אים ווי צו זייער לעצטער האָפֿענונג — ווי קען ער זיי אָפּזאָגן? עס איז שוין שפּעט אין אָוונט. ער איז

אַזוי פֿאַרמאַטערט אַז עס איז אים אַפֿילו שווער צו ריידן. זיצט ער אָנגעלענט אויף דער וואַנט — און גיט נאָך אַלץ עצות און זאָגט אָן קראַנקע, ווי זיי דאַרפֿן זיך פֿירן. ווען אַזאַ פֿאַרמאַטער־טער וואָלט געקומען צו אים נאָך אַן עצה, וואָלט ער אים אַוודאי פֿאַרווערט אַזוי שווער צו אַרבעטן, אַזוי צו פּטרן זײַנע כּוחות — אָבער וואָס קען ער טאָן ? ווי קען ער פֿאַרטרײַבן פֿון זיך אַ קראַנקן מענטשן ?

אין גאַנצן אַן אויסגעשעפּטער פֿאַלט ער אַנידער שלאָפֿן. און מיט די שטראַלן פֿון דער זון הייבט זיך ווידער אָן אַ נײַער שווערער טאָג.

נאָר שבת פֿירט זיך ר׳ משה אַנדערש. דאָס איז דער איינ־ציקער טאָג ווען ער פֿאָרט ניט אין פּאַלאַץ, ווען ער פֿאַרנעמט זיך ניט מיט קראַנקע. דאָס איז דער טאָג פֿאַר די ייִדן אין מצרים. צוויי מאָל אין דעם שבתדיקן טאָג קומען צו אים ייִדן, די מער חשובֿע און די גאָר פּשוטע ייִדן פֿון זײַן קהילה. ר׳ משה גיט זיי עצות, ענטפֿערט אויף פֿאַרשיידענע פֿראַגעס. מען אַרבעט אויס דעם פּלאַן פֿאַר דער קומענדיקער וואָך, מען באַשטימט וואָס מען זאָל טאָן אין דער קהילה.

שבת איז אויך דער טאָג, ווען משה קען שמועסן וועגן וויסנ־שאַפֿטלעכע פֿראַגעס מיט תּלמידים וואָס קומען הערן אַ קלוג וואָרט פֿון זייער אַלטן רבין.

די לעצטע יאָרן פֿון זײַן לעבן איז דער רמבם געווען אַזוי פֿאַרנומען אַז ער האָט מער ניט געקענט שאַפֿן קיין נײַע גרויסע ווערק. ער האָט אַפֿילו ניט געקענט האָבן קיין צײַט פֿאַר זײַן תּלמיד און געטרײַען איבערזעצער ר׳ שמואל איבן תּיבון. אַלע זײַנע ווערק, חוץ דער „משנה תּורה”, האָט דער רמבם געשריבן אויף אַראַביש. ר׳ שמואל איבן תּיבון וואָס האָט געלעבט אין דרום־פֿראַנקרײַך האָט זיי איבערגעזעצט אויף העברעאיש. די איבער־זעצונגען זײַנען אַרויסגעקומען זייער גוטע. אָבער ר׳ שמואל האָט געוואָלט קומען קיין מצרים, כּדי זײַן גרויסער רבי זאָל אים געבן מער אָנווײַזונגען, ווי מען קען זיי קריגן דורך בריוו. האָט ר׳ שמואל

געשריבן: „איך וויל קומען צו אײַך, רבי, און הערן פֿון אײַך אײַערע עצות!"

נאָר דער רמב״ם האָט אים געמוזט ענטפֿערן:

„קומט בעסער ניט. אוודאי וויל איך אײַך זען, אוודאי וואָלט איך געוואָלט פֿאַרבּרענגען מיט אײַך — אָבער איך וועל עס סײַ ווי ניט קענען, איך וועל ניט האָבן קיין צײַט זיך צו פֿאַרנעמען מיט אײַך. און דאָס וועט דאָך זײַן אַ הארצווייטאָג פֿאַר אײַך און פֿאַר מיר."

כד. — דעם רמב״מס טויט

אַזוי האָט דער רמב״ם שווער געאַרבעט ביזן לעצטן טאָג פֿון זײַן לעבן. ער איז געשטאָרבן ווען ער איז אַלט געווען 69 יאָר. פֿאַרן טויט האָט ער געבעטן אַז מען זאָל זײַן טויטן קערפּער אַריבערפֿירן קיין ארץ־ישׂראל.

אָבער איידער מען האָט אים געקענט אַריבערפֿירן קיין ארץ־ישׂראל, איז דער טויטער קערפּער פֿון דעם גרויסן רמב״ם געלעגן אין בית־המדרש, אין פֿאָסטאַט. האָט מען שפּעטער דער־ציילט אַז די אַלע זיבן טעג וואָס דער מת איז דאָרטן געלעגן — האָט געבּרענט אַ לעמפּל. דאָס לעמפּל איז געווען אַ קליינס, און קיין אייל האָט מען ניט צוגעגאָסן. אָבער עס האָט אָן אויפֿהער געבּרענט גאַנצע זיבן טעג! ווי נאָר מען האָט דעם מת צוגע־נומען — איז דאָס לעמפּל אויסגעגאַנגען.

די תּלמידים און די ייִדן פֿון מצרים האָבן געטאָן דעם ווילן פֿון דעם נפֿטר און מען האָט אים געבּראַכט צו קבֿורה אין דער שטאָט טבֿריה, אין ארץ־ישׂראל. און דעם רמב״מס קבֿר אין טבֿריה איז געוואָרן איינס פֿון די הייליקע ערטער אין דעם היי־ליקן לאַנד.

און עס איז פֿאַראַן נאָך אַ מעשׂה מיט דער קבֿורה. ווען מען האָט דעם מת געבּראַכט שוין לעבן טבֿריה, האָבן ווילדע בּע־דואינען געמיינט אַז דאָ פֿירט מען אַ סך גאָלד: מען טראָגט אַן

אָרון מיט אַזוי פֿיל פּאַראַד און אַרום אַזוי פֿיל מענטשן! זײַנען זיי באַפֿאַלן און געוואָלט צורויבן דאָס גאָלד. די אַלע בעדואינען האָבן אָבער ניט געקאָנט רירן דעם אָרון פֿון אָרט! זיי האָבן פֿאַרשטאַנען אַז דאָ איז געשען אַ נס. האָבן זיי זיך דערשראָקן און זײַנען אַנטלאָפֿן.

אַלע ייִדן פֿון מצרים האָבן דרײַ טעג געפֿאַסט און געקלאָגט אויף דעם רמב״ם טויט. און אומעטום וואו עס איז דערגאַנגען די טרויעריקע נײַעס וועגן זײַן טויט, האָבן ייִדן געקלאָגט און געוויינט: אונדזער ליכטיקער שטערן האָט זיך אויסגעלאָשן!

אַלע האָבן געוואוסט: מען האָט פֿאַרלאָרן דעם גרעסטן מענטשן פֿון זײַן צײַט!

און אַלע ייִדן האָבן געזאָגט:

„פֿון משהן ביז משהן איז ניט אויפֿגעשטאַנען קיין איינער ווי משה".

כה. — אין דעם יאָר 1935

גאָר ניט לאַנג, אין דעם יאָר 1935, האָט דעם רמב״ם נאָמען דורכגעקלונגען איבער דער גאַנצער וועלט. עס איז געווען פּונקט 800 יאָר נאָך זײַן געבוירן ווערן. האָט מען לכּבֿוד דעם געפֿײַערט מיט גרויס פּאַראַד דעם 800סטן געבוירן־טאָג פֿון דעם גרויסן גאון. עס האָבן דעם יום־טובֿ געפֿײַערט ייִדן אומעטום איבער דער וועלט; עס האָבן אויך גענומען אַן אָנטייל ניט־ייִדן: אין קאָרדאָווע וואו ער איז געבוירן געוואָרן, אין קאַהיראָ וואו ער האָט געלעבט, אין וויסנשאַפֿטלעכע אַקאַדעמיעס, אויף פֿאַר־זאַמלונגען פֿון וויסנשאַפֿט־לײַט.

מען האָט קלאָר דערזען:

וואָס דער רמב״ם האָט אויפֿגעטאָן אַז דאָס ייִדישע פֿאָלק זאָל קענען לעבן אויף דער וועלט, ווי ער האָט אײַנגעשטעלט די ייִדישע דינים, אַרײַנגעבראַכט אַן אָרדענונג און אַ סיסטעם אין זיי,

גרינגער געמאַכט צו וויסן ווי עס איז דער דין, און דורך דעם האָט ער פאַרפעסטיקט דאָס יידישע לעבן;

וואָס דער רמב״ם האָט אויפגעטאָן אויף צו טרייסטן און צו מוטיקן יידן אין נויט, מען זאָל ניט פאַרלירן די האָפענונג אויף בעסערע צייטן, מען זאָל גלייבן אַז דאָס יידישע פאָלק איז אייביק און וועט ניט אומקומען דורך דער שווערד;

וואָס דער רמב״ם האָט אויפגעטאָן ווי אַ פילאָסאָף וואָס האָט געלערנט, אַז מען דאַרף רואיק און שׂכלדיק זיך באַציִען צום לעבן און זיך ניט לאָזן פירן פון ליידנשאַפטן, אַז מען דאַרף אָננעמען די וועלט ווי אַ גוטע שאַפונג און גלייבן אין גוטס און העלפן אַז דאָס גוטע זאָל זיך מערן אין דער וועלט;

וואָס דער רמב״ם האָט אויפגעטאָן צו פאַרפעסטיקן דעם יידישן גלויבן דורך דעם וואָס ער האָט געלערנט אַז דער מענטשלעכער שׂכל און די וויסנשאַפט זיינען גאָרניט קעגן דעם יידישן גלויבן, אַז מען קען זיין אַ גוטער ייד און זיך פאַרנעמען מיט אַלע וויסנ־שאַפטן, און דורך דעם האָט ער אַריינגעבראַכט רו און האַר־מאָניע אין אַ סך הערצער און מוחות;

וואָס ער האָט אויפגעטאָן ווי אַ גרויסער דאָקטער וואָס האָט געוויזן אַז די הויפטזאַך איז צו פאַרמיידן קראַנקייטן, און צו לעבן אַזוי אַז דער קערפּער זאָל זיך קענען זיי אַנטקעגנשטעלן, ווען זיי קומען;

וואָס דער רמב״ם האָט אויפגעטאָן דורך דעם וואָס ער האָט דורכגעלעבט אַ שיין און ריין לעבן, אַ לעבן פון אַ גרויסן מענטשן וואָס איז ביז גאָר באַשיידן, וואָס יאָגט זיך ניט נאָך מאַכט, אָדער נאָך געלט, אָדער נאָך כּבֿוד; אַ לעבן פון אַ מענטשן וואָס טוט שטענדיק וואָס דאָס געוויסן הייסט אים טאָן, אַפילו ווען דאָס איז אַ סכּנה פאַר אים; אַ לעבן פון אַ מענטשן וואָס האָט שטענדיק שווער געאַרבעט צו העלפן דעם קערפּער און דעם גייסט; אַ לעבן פון גרויסע, געשיכטלעכע, אַלמענטשלעכע אויפטוען און פון אויפטוען שטילע און קליינע פאַר די מענטשן אַרום אים; אַ לעבן

וואָס לײַכט מיט דעם בלענדיקן ליכט פֿון אַ גאון און מיט דעם װאַרעמען ליכט פֿון פּשוטער גוטסקייט און האַרציקייט.

דער רמב״ם האָט זיך ניט געיאָגט נאָך אַזאַ אָפּשאַצונג וואָס זאָל זײַן אַזוי שטאַרק און באַגײַסטערט, אָבער ער האָט זי פֿאַרדינט —

„פֿון משהן ביז משהן איז ניט אויפֿגעשטאַנען קיין איינער ווי משה״.

אַ קליין ווערטערביכל

אָבות (אָוועס) — די פּאַטערס פון יידישן פאָלק: אברהם, יצחק און יעקב. אויך forefathers, ancestors.

אויסגעשעפּטער — זייער אַ פאַרמאַטערטער.

אויספּועלן (אויספּוי׳עלן) — אויסבעטן, קריגן עפּעס מיט גוטן.

אומקומען אויף קידוש־השם (קי׳דוש־האַשע׳ם) — שטאַרבן ווי אַ מאַרטירער פאַרן יידישן גלויבן.

אַנדאַלוזיע — אַ רייכע פּראָווינץ פון שפּאַניע; די הויפּט־שטאָט פון אַנדאַלוזיע איז אַ לאַנגע צײַט געווען קאָרדאָווע.

אַני־מאמין (אַני־מײַ׳מין); מערצאָל: אַני־מאַמינס — אַ גלויבן, אַ פּרינציפּ פון גלויבן, belief, creed.

אָפּווײַכן — אָפּווענדן זיך, אָפּקערן זיך, זײַן אַנדערש, to deviate.

אַפּיקורסות (אַפּיקאָ׳רסעס) — דאָס ניט־גלייבן, דאָס אָפּלייקענען אַ גלויבן, heresy.

אָרון (אָרן) — דער קאַסטן וואו מען האַלט דעם טויטן ווען מען פירט אים צו דער קבורה (זען).

בירושה (ביי־יערו׳שע) — דורכן ירשענען, by inheritance.

בית־מדרש (בעסמעדרעש) — דאָס הויז וואו מען דאַוונט און מען לערנט.

בלענדיק — זייער שײַניק, עס שײַנט אַזוי אַז די אויגן ווערן בלינד.

בן־מלך (בענמיי׳לעך) — פּרינץ, זון פון אַ מלך. דאָס וואָרט ווערט אָפט געניצט אין מעשיות.

גאון (גאָ׳ען) — genius. די גייסטיקע און רעליגיעזע פירערס פון יידן אין בבל האָבן געהאַט דעם טיטל גאון. מערצאָל: גאונים (גאָאוי׳נים).

גיהנום (געהע׳נעם) — דאָרטן וואו נאָכן טויט פּייניקט מען פאַר די זינד.

גן־עדן (גאַניי׳דן) — דאָרטן וואו נאָכן טויט באַלוינט מען פאַר גוטס.

גר (גער); מערצאָל: גרים (גיירים) — אַ ניט־ייד וואָס נעמט אָן דעם יידישן גלויבן.

דוד המלך (דאָוויד האַמע׳לעך) — דער קיניג דוד. ווי דער גרעסטער יחוס (זען) איז געווען פאַררעכנט דאָס אָפּשטאַמען פון דוד המלך.

דיין (דאַ־׳ען); מערצאָל: דיינים (דאַיאָ׳נים) — דער וואָס משפּט נאָך דעם יידישן געזעץ. דאָ אויך: דער אָפיציעלער פירער פון די יידן אין קאָרדאָווע.

דין; מערצאָל: **דינים** — יידישער געזעץ.
וואַקלען זיך — ניט זיין זיכער ביי זיך.
זבולון (זוואולן) — לויט דער לעגענדע איז געווען אַן אָפּמאַך צווישן יעקבס צוויי זין זבולון און יששכר: זבולון האָט געאַרבעט און פאַרדינט פאַר ביידן, יששכר האָט נאָר געלערנט תורה און דער לוין פאַרן לערנען איז אויך געגאַנגען אויף ביידנס רעכענונג.
חודש אייר (כוידעש אײ׳יער) — דער אַכטער חודש לויטן יידישן קאַלענדאַר. ס׳איז אין פרילינג. דער צענטער טאָג פון חודש אייר איז אין דער דריטער וואָך נאָך פּסח.
טורבאַן — turban.
יד־חזקה (יאַד כאַזאָקע) — די דערקלערונג אין קאַפּיטעלע יג.
יהודה הנשיא (יעהודאָ האַנאָסי) — דער גרויסער יידישער פירער און תנא (זען) וואָס האָט אָפּגעשלאָסן די משנה (זען).
יורש (יוי׳רעש); מערצאָל: **יורשים** (יאָרשים) — heir.
יששכר (ייסאָכער) — זען די דערקלערונג ביים וואָרט זבולון.
יחוס (ייכעס) — דער ווערט פון אַ מענטשן וואָס נעמט זיך פון זיין פיינעם אָפּשטאַם; דער פיינער אָפּשטאַם.
כבוד (קאָוועד) — honor, respect.
כותל מערבי (קויסעל מאַ־אַראָ׳ווי) — די איינציקע וואַנט פון בית־המקדש וואָס איז פאַרבליבן, די טרערן־וואַנט.
כסדר (קעסיידער) — נאָך דער ריי, שטענדיק, אַלע מאָל.
לוויה (לעוואַיע) — funeral.
לוח (לו־אַך) — דער יידישער קאַלענדאַר.
מאַרך — brain.
מוחות (מויכעס) — brains.
מוחמד (מוכאַמעד) — דער גרינדער פון דעם מוחמדאַנישן גלויבן.
מוחמדאנער (מוכמעדאַנער) — דער אָנהענגער פון מוחמדאַנישן גלויבן.
מוחל (מויכל) **זיין** — זיך ניט רעכענען מיט עפּעס, to forgive.
מורה נבוכים — לייען: מוירע נעבוכים; זע די דערקלערונג אין קאַפּיטעלע כ.
מיימון — לייען: מײַ׳מאָן. אויפן נאָמען פון זיין פאָטער רופט מען דעם רמבם — מײַמאָנידעס.
מערת המכפלה (מייאָ׳ראַס האַמאַכפּיי׳לע) — די הייל וואו עס זיינען באַגראָבן די פאָטערס אַברהם, יצחק און יעקב און די מוטערס שרה, רבקה און לאה.
משלי (מישלע) — דער טייל פון די שריפטן אין תנך וואו עס זיינען צונויפגענומען שפּריכווערטער און שפּרוכן.
משנה (מישנע) — די דערקלערונג זען אין קאַפּיטעלע מ.
משנה תורה — לייען: מישנע טוירע. די דערקלערונג אין קאַפּיטעלע יג.
מת (מעס); מערצאָל: **מתים** (מייסים) — טויטער, טויטער קערפּער.
נאָרע — den.

נבוכדנאצר (נוואוכאַדנע׳צער) — דער קיניג פון בבל וואָס האָט פאַרברענט דעם בית־המקדש און פאַרטריבן יידן קיין בבל, בײַם ערשטן חורבן.
נגיד (נאַגיד) — רייכער; דאָ: דער אָפיציעלער טיטל פון דעם פירער פון יידן אין מצרים.
נפטר (ניפטער) — געשטאָרבענער, (געזאָגט מיט רעספּעקט).
סכנה (סאַקאָנע) — געפאַר, danger.
סם (סאַם); מערצאָל: סמען — poison.
ספקות (ספייקעס); איינצאָל: ספק (סאָפּעק) — doubts.
עוולות (אַוולעס); איינצאָל: עוולה (אַוולע) — אומגערעכטיקייטן, injustices, wrongs.
עכו — לייען: אַקאָ.
ענינים (ענינ־יאָ׳נים); איינצאָל: ענין (איניען), matters, subjects, cases.
ענציקלאָפּעדיע — encyclopaedia.
פּטור ווערן (פּאַטער) — זיך באַפרייען (פון עפּעס וואָס שטערט), to get rid.
פּירוש (פּיירעש) — דערקלערונג.
פּסקענען (פּאַסקענען) — אַרויסגעבן אַ באַשלוס וואָס עס איז ריכטיק אָדער כשר לויטן יידישן געזעץ.
פאַך — trade.
פאַרמײַדן — to avoid.
פאַרסמען (פאַרסאַמען) — to poison.
צוועננגעלע — אַ קליינער צוואַנג, tongs.
קבורה (קוואורע) — דאָס באַגראָבן (ווי עס פירט זיך ביי יידן), burial.
קבר (קייווער); מערצאָל: קברים (קוואָרים), grave.
קדיש (קאַדיש) — א) די תפילה (טפילע), דאָס געבעט נאָכן גאַנצן דאַוונען; ב) די תפילה פון אַ יתום (יאָסעם).
קמיעות (קאַמייעס); איינצאָל: קמיע (קאַמייע) — charms, amulets
קראים (קאַראָאים) — די יידישע סעקטע וואָס האַלט נאָר פון תנך און האַלט ניט פון תלמוד.
שאלות (שײַלעס); איינצאָל שאלה (שײַלע) — אַ פראַגע וועגן יידישן געזעץ, וועגן ריכטיקן פירן זיך ווי אַ ייד.
שטאַמען פון דוד המלך (דאָוויד האַמעלעך) — זיין פון סאַמע גרעסטן יחוס וואָס איז נאָר מעגלעך ביי יידן.
שכלדיק (סייכלדיק) — דאָס וואָס שטימט מיטן שכל (סייכל), מיט לאָגיק.
תימן (טיימאָן) — Yemen.
תלמוד (טאַלמוד) — די דערקלערונג זען אין קאַפּיטאַלע ט.
תנא (טאַ׳נע); מערצאָל: תנאים (טאַנאָ׳אים) — יידישער געלערנטער וואָס האָט געהאָלפן שאַפן די משנה (זען קאַפּיטעלע ט).